STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02374

# DI PRINTSIPEN FUN DI INDUSTRIEL VOIRKERS OF DI VOIRLD

Daniel De Leon

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# די פּרינציפּען פון די אינדסטריעל וואָיר־קערס אף די וואָירלד

(The Preamble of the Industrial Workers of the World)

א רעדע געהאלטען אין יוניאָן טעמפּל,
מינעאפּאָלים, מינ., 10טען יולי, 1905,

## פון דעניעל דע ליאָן

איבערזעצט פון י. שלאָסבערג.

---

ארויסגעגעבען פון דעם „ארבייטער“

פּרייז 10 סענט

---

בעשטעלונגען צו אדרעסירען :
LABOR NEWS COMPANY,
2, 4 and 6 New Reade Street, New York.

# איינלייטונג

### צו דער קאָנסטיטוציאָן פון די אינדאָסטריעל וואָירקערס אָף דהי וואָירלד, אָנגענומען אויף דער קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ, יולי, 1905.

די קלאסע פון ארבייטער און די קלאסע פון ארבייטסגעבער האָבען קיין שום געמיינשאפטליכעס צווישען זיך. עס קען ניט זיין קיין שלום אזוי לאנג ווי הונגער און נויט געפינען זיך צווישען מיליאָנען ארבייטער, און די ווניגע וועלכע בילדען די קלאסע פון ארבייטסגעבער, האָבען אל־דאָס גוטס פון לעבען.

צווישען דיעזע קלאסען מוז אָנגעהן א מלחמה אזוי לאנג ביז אלע ארבייטער וועלען זיך צוזאמענקומען אויף דעם פּאָליטישען אזוי גוט ווי אויף דעם אינדוסטריעלען פעלד, און וועלען איבערנעהמען און האלטען אלס דאָס זייעריגע דאָס וואָס איז פּראָדוצירט געוואָרען דורך זייער ארבייט, דורך איין עקאָנאָמישע אָרגאניזאציאָן פון דער ארבייטער קלאסע אָהן פערבינדונג מיט אירגענד איין פּאָליטישער פארטיי.

דאָס ראשע אָנזאמלען פון רייכטימער און דאָס אריינברענגען די פערוואלטונג פון אינדוסטריען אין אימער וועניגער און וויניגער הענד מאכט די טרייד יוניאָן מאכטלאָז געגענאיבער די שטענדיג־וואקסענדע מאכט פון דער ארבייטסגעבער קלאסע, ווייל די טרייד יוניאָנס רופען ארוים אזא צושטאנד, אז עס זאָל זיין מעגליך אויפצורייצען איין טייל ארבייטער געגען איין אנדער טייל ארבייטער אין דערזעלבער אינדוכטריע, העלפענדיג דערמיט צו בעזיעגען איינער דעם אנדערן אין דער מלחמה פאר בעסערע שכירות. די טריידס יוניאָנס העלפען די ארבייטסגעבער קלאס צו פערפיהרען די ארבייטערקלאסע אין דעם גלויבען דאָס די ארבייטער קלאסע האָט גלייכע אינטערעסען מיט זייערע בעלי הבתים.

דיעזע טרויעריגע צושטענדע קענען געענדערט ווערען און די אינטערעסען פון דער ארבייטערקלאסע קענען פערטיידיגט ווערען נור דורך איין אָרגאניזאציאָן וואָס איז אזוי אָרגאניזירט דאָס אלע איהרע מיטגליעדער אין אירגענד איין אינדוסטריע, אָדער אין אלע אינדוסטריען, ווען נויטיג, זאָלען אויפהערען צו ארבייטען, ווען עס ברעכט אויס א סטרייק אָדער לאָקאוט אין אירגענד וועלכען טייל פון דער אינדוסטריע, ערקלערענדיג דערמיט דאָס איינעמ׳ס אונגליק איז אלעמענ׳ס אונגליק.

# די פרינציפּען פון די אינדאַסטריעל וואָירקערס אָף דהי וואָירלד

ארבייטסמענער און ארבייטספרויען פון מיננעאפּאָליס:

אונזער פּאָרזיצענדער האָט ניט איבערטריעבען ווען ער האָט געזאָגט דאָס די קאָנווענשאָן פון די אינדוסטריאַליסטען, וועלכע האָט זיך געשלאָסען עהערנעכטען אין שיקאגאָ נאָך צוויי וואָכען שווערע ארבייט, בעצייכענט איין עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער ארבייטער בעוועגונג אין אמעריקא. איך מעג נאָך צוגעבען, אָבוואָהל זיינע ווערטער בעדייטען דאָס זעלבע, דאָס די שיקאגאָ׳ער קאָנווענשען בעצייכענט אויך א ווענדעפּונקט אין דער געשיכטע פון לאנד.

וואָס איז דאָרטען געטאָן געוואָרען? איהר וועט זיין אימשטאנדע צו קריעגען אונגעפעהר א בעגריעף, א זואונק, דורך דער עפּענטליכער ערקלערונג — די איינלייטונג צו דער קאָנסטיטוציאָן (פּריעמבל) — וואָס די קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען. דאָס דאָקומענט איז קורץ: איך וועל עס נאָך קירצער מאכען דורך אויסקלייבען בלויז דריי פּונקטען, דיאיעניגע, וועלכע איך בעטראכט אלס די וויכטיגסטע, און אונטער דעם ליכט פון יענע פּונקטען ווע־לען מיר זיין אימשטאנדע צו פערשטעהן די בעדייטונג ניט נאָר פון די אַנדערע פּונקטען, ניט נאָר פון דעם גאנצען דאָקומענט, זאָנדערן אויך פון דער בעוועגונג, וועלכע האָט די ערקלערונג געמאכט.

די דריי פּונקטען זיינען דיעזע (לעזט):

„עס קען ניט זיין קיין שלום אַזוי לאַנג ווי הונגער און נויט געפינען זיך צווישען מיליאָנען ארבייטער, און די ווייניגע וועלכע בילדען די קלאַסע פון ארבייטסגעבער, האַבען אַלל־דאס גוטס פון לעבען.“

דער צווייטער פּונקט ערקלערט (לעזט):

„די קלאַסע פון אַרבייטער און די קלאַסע פון אַרבייטסגעבער האַבען קיין געמיינשאַפטליכעס צווישען זיך.“

צום סוף קומט דער דריטער פּונקט ווי פּאָלגט (לעזט):

„צווישען דיעזע צוויי קלאַסען מוז אַנגעהן א מלחמה אַזוי לאַנג ביז אַלע אַרבייטער וועלען זיך צוזאַמענקומען אויף דעם פּאַליטישען אַזוי גוט ווי אויף דעם אינדוסטריעלען פעלד, און וועלען איבערנעהמען און האַלטען אַלס דאַס זייעריגע דאַס וואַס איז פּראָדוצירט געוואַרען דורך זייער אַרבייט, דורך איין עקאַנאַמישע אַרגאַניזאַציאָן פון דער ארבייטער קלאַסע אַהן פערבינדונג מיט אירגענד איין פּאָליטישער פּאַרטיי.“

**דיעזע** דריי פונקטען וועל איך בעשפרעכען מיט אייך אין דער אָרדנונג, אין וועלכער איך האָב זיי געלעזען.

## דער ערסטער פונקט

איז דער מיטעלפונקט. ערקלערט ער א וואַרהייט? ערקלערט ער א פאַלשקייט? איז עס וואהר דאָס די לאַגע פון דער ארבייטער קלאַסע איז הונגער און נויט? אָדער איז די פערקעהרטע טענה, וועלכע מיר הערען אזוי אָפט, די ריכטיגע? דיאַיעניגע, וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט דער געזעלשאפטליכער פראגע זיינען איבער דיעזען פונקט האָפנונגסלאָז צוטיילט. טיעף איז דער אבגרונד וואָס צוטהיילט זיי. אויף איין זייט שטעהען דיאַיעניגע וועלכע זיינען געוועזן פערזאמעלט, אָדער זיינען געוועזן פערטרעטען, אין שיקאַגאָ. זיי טענה'ן דאָס די לאַגע פון דער ארבייטערקלאַסע איז הונגער, נויט און עלענד. דאָס פון שלעכט געהט עס אימער מעהר צו ערגער און ערגער; דאָס זיי ווערען אימער מעהר געפלינדערט און בערויבט; דאָס ניט נאָר ווערט אימער קלענער אין פראָפּאָרציע דער חלק וואָס זיי בעקומען פון די רייכטהימער וואָס זיי פראָדוצירען, זאָנדערן אויך די אבסאָלוטע (ווירקליכע) סומא וואָס זיי קריגען אויף צו לעבען אלס טייל פון דעם אויסגעארבייטען רייכטום ווערט אימער קלענער. דאָס איז די סאָציאליסטישע שטעלונג.

געגען דעם איז די שטעלונג פון אונזערע געגנער פון פערשידענע מינים און סאָרטען — פון דעם אויסגעשפּראָכענעם קאפּיטאליסט ביז ארונטער צו דעם אמעריקען פעדערײשאָניסט. זיי טענה'ן דאָס די לאַגע פון דער ארבייטער קלאַסע איז א גאַנץ תקיפ'ע; זיי בעהויפּטען דאָס פון גוט געהט עס אימער צו בעסער און בעסער; זיי ערקלערען דאָס די אבסאָלוטע (ווירקליכע) סומא רייכטהימער וואָס דער ארבייטער בעקומט צום לעבען און דער פראָפּאָרציאָנעלער חלק וואָס ער בעקומט פון די רייכטימער וואָס ער פראָדוצירט האַלטען ביידע אין שטייגען. מאַנכע פון זיי, ווי דאָס ענגלישע אָרגאַן פון דער ניו־יאָרקער פאָלקסצייטונג קאָרפּאָרײשען, דער „וואָירקער" פון 5טען פעברואר, פון דיעזען יאהר, געהען אזוי ווייט אין זייער אטאקע אויף דער סאָציאליסטישער שטעלונג, אז זיי ערקלערען אלס „ווילדע איבערטרייבונג" די טענה אז „דאָס קאפּיטאליסטישע סיסטעם גנב'עט אוועק פון דער ארבייטערקלאַסע פיער פינפטעל פון אלעם וואָס יענע קלאַסע פראָדוצירט". צווישען די צוויי שטעלונגען קען קיין שלום ניט זיין. אויב די לעצטע שטעלונג איז אין גאַנצען, אָדער אפילו נור אונגעפעהר, ריכטיג, דאַן פאַלען אוועק די אנדערע צוויי פונקטען פון דעם פּריעמבל וועלכע איך וויל בעשפּרעכען, יא, אויך דער פּריעמבל זעלבסט מיט די גאַנצע ארבייט פון דער שיקאַגאָ'ער קאָנווענשאָן פערשווינדען ווי א בייזער חלום. אויב, אבער, די לעצטע, די סאָציאליסטישע שטעלונג איז ריכטיג, דאַן זיינען די אלע אנדערע זאכען אונפערמיידליכע שליסע און די שיקאַגאָ'ער קאָנווענשאָן איז גע־

בויט אויף א פעסטען פונדאמענט. דאַרום דרעהט זיך אלץ ארום דיזען פונקט. איז עס וואהר? איז עס פאלש? לאָמיר זעהען.

(דאָ האָט זיך דער רעדנער געווענדעט צו אַ גרויסע געלע אפישע, אויפגעהאַנגען אויף אַ שוואַרצען טאַפעל איבער דער פּלאַטפאַרמע צו זיין רעכטע זייט).

לאָזט מיר אייך בעקאנט מאכען מיט דיזען דאָקומענט. איהר וועט זעהען אז דאָס איז זעהר אינטערעסאנט. דער טיטול פון דעם דאָקומענט איז, ווי איהר זעהט, „אָנקעל סעם׳ס בילאנץ־רעכנונג“.

ווי איהר זעהט איז עס פול מיט ציפער. אבער שרעקט זיך ניט אָב פאר זיי. איך וועל נאָר דארפען האָבען צוויי פון דיזע רייהען, די לעצע צוויי, פאר מיין צוועק. איך האָב די אנדערע רייהען ציפערן ניט ארויסגעשניטען כדי מען זאָל ניט זאָגען אז איך האָב א „צורעכטגעמאכטען דאָקומענט“. דער צוועק פון דיזער אפישע איז צו געבען, דורך ציפער און בילדער, איבערצייגענדע בעווייזע פון דעם ווי דאָס פאָלק פון דיזען לאנד איז כסדר געוואקסען אין מעמד. לאָזט מיר אייך נעהנטער בעקאנטמאכען מיט דעם דאָקומענט. די זיילען ציפער וועלכע איהר זעהט זיינען ניט דורך מיר געזאמעלט געוואָרען; זיי זיינען דורך קיין סאָציאליסט געזאמעלט געוואָרען. פערקעהרט, דיזער דאָקומענט איז ארויסגעגעבען אָדער פערשפּרייט געוואָרען דורך דאָס נאציאָנאל עקזעקוטיוו קאָמיטע פון דער רעפּובליקנער פארטיי וועהרענד דער פאר־אַיאהריגער פּרעזידענשעל קאמפּיין. זעהענדיג, דערצו, דאָס אין דיזער ערסטער רייהע ווערען אין זייער סדר אנגעגעבען די דעמאָקראטישע און רעפּובליקאנישע אדמיניסטראציאָנען וועלכע האָבען געפיהרט די געשעפטען פון דער נאציאָן וועהרענד די לעצטע פופציג יאהר, איז עס גאנץ עהרליך אָנצונעהמען דאָס די צושטענדע ווי זיי ווערען דאָ בעוויעזען דורך ציפער און בילדער, איז דאָס געמיינשאפטליכע ווערק פוןביידע הערשענדע פארטייען. איהר קענט פרעגען ווארום איך ברענג אייך ציפער פון דעם שונא; ווארום איך גיב אייך ניט מיינע אייגענע ציפער. איך וועל אייך זאָגען. ווען איך זאָג „דזשאהן דזשאָונס איז א גנב,“ קען מען מיר יא גלויבען און ניט גלויבען: איך וועל דאָס מוזען בעווייזען. אבער ווען דזשאהן דזשאָונס אליין זאָגט אז ער איז א גנב, דאן איז מיר די גאנצע ארבייט פערשפּאָרט. (אפּלאָדיסמענטען.) עס איז א גרונדפּרינציפּ אין דאָס געזעץ פון בעווייזע דאָס איינעמס עדות זאָגען געגען זיך זעלבסט איז דער בעסטער בעוויין וואָס קען זיין. (אפּלאָדיסמענטען.) אויפהענגענדיג פאר אייך דיזען דאָקומענט האָב איך געבראכט די העכסטע פאָרשפּרעכער פון דער קאפּיטאליסטישער קלאסע אויפ׳ן עדות־שטוהל. זיי קענען ניט אָבלייקענען זייערע אייגענע ווערטער. (אפּלאָדיסמענטען.) איך וועל זיי צווינגען זיך אליין צו פערמשפּט׳ען. (אפּלאָדיס־

מענטען.) — איך מוז אייך ערנסט בעטען אויפצוהערען אפלאָדירען. די היץ אין דיזען זאאל מיט דיזען גרויסען עולם איז שרעקליך. מיר זיינען אלע נייגיעריג ארויסצוגעהן פון דאנען אזוי גיך ווי מעגליך. דיזע אָפטע אונטערברעכונגען דורך אפלאָדיסמענטען פערלענגרן די צייט פון אונזער אלעמענס ערלעזונג. — דאָ איז פאראן נאָך איין זאך אין דיזען דאָקומענט מיט וואָס איך וויל אייך בעקאנטמאכען, איידער איך נעהם אויף די ציפער. ווי איך האָב אייך פריהער געזאָגט, בעווייזט דיזער דאָקומענט די צושטענדע ניט נאָר דורך ציפער, זאָנדערן אויך דורך בילדער. קוקט זיך צו צו דיזען בילד ביים רעכטען ברעג פון דעם דאָקומענט. ווי איהר זעהט, איז דאָס אָנקעל סעם — אבער ווי דאַר, ווי הונגעריג, ווי ארם, ווי אבגעריסען און אָבגעשליסען ער איז! מיט דיזען בילד ווערט געמיינט פאָרצושטעלען דאָס לאנד ווי עס האָט אויסגעזעהען אים אָנפאנג. יעצט קוקט זיך צו צו דעם אנדערן בילד ביים לינקען ברעג. איהר וועט דערקענען אָן דעם ציגענעם בערדעל און אנדערע צייכען אז דאָס איז נאָך אלץ אָנקעל סעם — אָבער ווי געענדערט! זיינע קליידער זיינען שוין מעהר ניט צוריסען; זיי מוזען זיין געמאכט פון גוטען מאטעריאל ווייל זיי פלאצען ניט טראָץ זיינע ריעזיגע לענדען. (געלעכטער.) ער האָט א פרעהליך, לעבעדיג אויסזעהען; אורטיילענדיג נאָך דעם, פון דעם שפּיץ זיין הוט, דעם דרעה פון פעדער אין דעם הוט, און דעם ווינק אין זיין אויג, איז ער יעצט פערהור־ליעט, האָט קענטיג געמאכט א גוטען לחיים — זיין פנים גלענצט מיט גליק. מיט דיזען בילד ווערט געמיינט פאָרצושטעלען דאָס לאנד, ווי עס זעהט אויס יעצט. יעצט וועלען מיר זעהען אויסצוגעפינען ווער דיזער אָנקעל סעם איז — דער ארבייטער אָדער דער לעדיגגעהער, דער קאפּיטאליסט. די ציפער וועלען אונז שוין דערצעהלען דעם אמת. דער טיטעל איבער דיזען ערסטען זייל ציפער איז „פּראָדוקט פון מאנופאקטור". עס ווערט דאָ אָנגעגעבען פון איין צעהנדליג יאהרען צום אנדערן, דער ווערטה פון פאבריצירטע סחורות אין לאנד, פון 1860 ארונטער ביז צו 1900. איך וועל ניט פאָרלייגען די פולע ציפער: עס וועט זיין צו שווער צו האלטען זיי אין זכרון, און דאָס איז אויך ניט נויטיג; איך וועל זיי איבערגעבען נור אין רונדע ציפער.

פאר די צעהן יאָהר פון 1860 האָט דער ווערטה פון פאבריצירטע סחורות בעטראָפען כמעט צוויי ביליאָן דאָלאר (צוויי־טויזענד מיליאָן).

פאר די צעהן יאהר נאָכדעם, 1890, איז בעטראָפען ביז איבער פיער ביליאָן דאָלאר

פאר די נעקסטע צעהן יאהר, 1880, האָט עס בעטראָפען איבער פינף ביליאָן דאָלאר.

פאר די צעהן יאָהר נאכדעם 1890, איז עס געווען איבער ניין ביליאָן דאָלאר.

שליעסליך, פאר די צעהן יאהר פון 1900 איז דער ווערטה פון פאבריצירטע

פּראָדוקטען געווען איבער דרייצעהן ביליאָן דאָלאר. *)

דאָס איז א גרויסארטיגער פּאָרווערטס־מארש, ווי איהר קענט זעהען. פון כמעט צוויי ביליאָן אין 1860, איז דאָס רייכטום וואָס די ארבייטער האָבען פּראָדוצירט געוואקסען, ביז דאָס האָט אין 1900 דערגרייכט די ריעזיגע סומא פון ביינאהע זיעבען מאָל אזוי פיעל — דרייצעהן ביליאָן! דאָס ווייזט אָהן צווייפעל א ריעזיגען וואוקס פון עשירות און דאָס אויף אזויפיעל גליקליכער קען זיין דאָס לעבען. ביז אהער איז אלץ גוט. אָבער איך וועל אייך ווארנען אין דער צייט. דער פאקט דאָס א גוטע זאך איז פאראן איז נאָך ניט קיין ראיה אז די ארבייטער־קלאסע געניסט דערפון. דאָ מוז איך אייך בעטען צוצולעגען קאָפּ. לאָמיר נעהמען א בייַשפּיעל. איך זאָג, למשל, דאָס אין דיזען זאאל, מיט טויזענד מענשען, קען מען געפינען צעהן טויזענד דאָלאר. דער פאקט אליין זאָגט גאָר ניט וועגען דעם ווי אזוי דיזע צעהן טויזענד דאָלאר זיינען צוטיילט. עס קען זיין דאָס אים דורכשניט האָט יעדער ארום צעהן דאָלאר. עס קען אבער אויך זיין דאָס פון די צעהן טויזענד דאָלאר האָב איך אליין ניין טויזענד, ניין הונדערט, ניין און ניינציג דאָלאר מיט ניין און ניינציג סענט אין מיין טאש, און נור איין קופּערנער סענט וואלגערט זיך ערגעץ אין די טאשען פון די אנדערע ניין הונדערט ניין און ניינציג מענשען אין דעם זאאל. דיעזע ערסטע רייהע ציפער אין דעם דאָקומענט דערצעהלט אונז וואָס איז דער ווערטה פון די סחורות וואָס זיינען פּראָדוצירט געוואָרען. עס דערצעהלט אונז ניט ווי אזוי דאָס רייכטהום איז צוטיילט. עס גיט אונז נור א בעגריף ווי גרויס עס איז געוואקסען די פּראָדוקציאָנסקראפט פון די ארבייטער. וועגען די צוטיילונג מוזען מיר אריינקוקען אין דער נעקסטער רייהע ציפער; און יעצט מאכט זיך גרייט פאר די אינטערעסאנטע זאכען וואָס איך האָב אייך צוגעזאָגט. דער טיטעל איבער דעם נעקסטען זייל ציפער איז „אויסגעצאָהלטע שכירות“. דאָ זיינען אויך די סומען געגעבען פון יאהרצעהנדליג צו יאהרצעהנדליג. איך וויל זיי דורכלויפען, וויעדער אין רונדע סומען.

אין די צעהן יאהר פון 1860 האָט די גאנצע סומע שכירות, וואָס זיינען אויסגעצאָהלט געוואָרען די ארבייטער בעטראָפען איבער דריי הונדערט מיליאָן דאָלאר.

אין די נעקסטע צעהן יאהר, 1870, איז די סומע פון שכירות געשטיעגען מיט פיער הונדערט מיליאָן דאָלאר, און האָט בעטראָפען איבער זיעבען הונדערט מיליאָן דאָלאר.

אין די צעהן יאהר פון 1880, זיינען די

---

*) די ריכטיגע ציפער זיינען:
אין 1860 — $1,885,861,676
אין 1870 — $4,232,325,442
אין 1880 — $5,369,579,191
אין 1890 — $9,372,437,283
אין 1900 — $13,039,279,566

שכירות געשטיעגען מיט נאָך צוויי הונדערט מיליאָן דאָלאר מעהר, און האָבען בעטראָפען איבער ניין הונדערט מיליאָן דאָלאר.

אין 1890 איז די סומא פון שכירות פערדאָפעלט געוואָרען. די ווײדזשעס וואָס זיינען אין יענע צעהן יאהר אויסגעצאָהלט געוואָרען די ארבייטער האָבען בעטראָפען אכטצעהן הונדערט מיליאָן דאָלאר.

שליסליך אין 1900, זיינען די ווײדזשעס געוועזן איבער צוויי ביליאָן, דריי הונדערט מיליאָן דאָלאר, אָדער פינף הונדערט מיליאָן דאָלאר מעהר אלס אין 1890. *)

ווען מיר קוקען פון אויבען אויף איבער דעם זייל פון ווײדזשעס, איז לייכט צו פערשטעהן דעם צוועק דערפון. לויט דעם אופן ווי די ציפער זיינען ארראנזשירט איז זייער צוועק ארויסצוברענגען צוויי געדאנקען — ערסטענס, דאָס דער חלק פון דעם איינציגען ארבייטער איז זעהר גרויס; צווייטענס, דאָס זיין וואקסען צו רייכקייט איז א שטענדיגער און נאָך א פיעל גרעסערער. מען שטעלט זיך פאָר דאָס ווען מען זאָגט איין ארבייטער אָדער ער זעהט אליין שווארץ אויף ווייס, דאָס אין 1860 האָט זיין קלאסע ערהאלטען די ריעזיגע שכירות פון איבער דריי הונדערט מיליאָן דאָלאר, פיהלט ער זיך גאנץ זיכער דאָס ער האָט א היבשען חלק דערפון. די גרויס פון דער סומא דארף דיענען אלס איינשלעפערונגסמיטעל אויף זיין פיעבערהאפט געמארטערטען טייסטער. און ווען מען זעהט נאָך שווארץ אויף ווייס ווי די ערסטע גרויסע סומא האלט אין וואקסען און פערדאָפלען זיך פון איין צעהנדליג יאהרען צום אנדערן, ביז דאָס ערגרייכט די שווינדעלדיגע הויך צו וועלכע דאָס איז געקומען אין 1900, דאן רעכענט מען דאָס דער ארבייטער וועט זיין אזוי פאָלשטענדיג בערוישט און צוטומעלט אז ער וועט ניט וויסען אויב ער שטעהט אויף די פיס אָדער אויפ'ן קאָפף, און וועט זיין גאנץ אונפעהיג צו דענקען. דאָס ריעזיגע רייכטהום, וואָס ווערט אָנגעגעבען אלס זיינס, מאכט איהם גאנץ געוויס פערריקט. יעצט וועלען מיר זיך צוקוקען נעהנטער צו די ציפער. פון יעצט אָן ביז איך וועל פערטיג ווערען מיט דעם דאָקומענט מוז איך אייך בעטען גוט צוצולעגען קאָפף כדי אלעם ריכטיג צו פערשטעהען.

ווען מען דערלאנגט אייך ציפפער פון ווײדזשעס מוזט איהר זיי שטענדיג אויספרובירען מיט צוויי פראָבען. אויב איהר וועט דאָס ניט טאָן וועלען אייך די ציפער ניט געבען קיין ריכטיגע אויסקינפטע. יעצט וועלען מיר דיעזע ציפער פון ווײדזשעס אויספרובירען מיט די צוויי פראָבען וואָס איך האָב אין זינען.

---

*) די ריכטיגע ציפער זיינען:

אין 1860 — $378,878,966
אין 1870 — $775,584,343
אין 1880 — $947,953,795
אין 1890 — $1,891,228,321
אין 1900 — $2,330,578,010

די ערסטע פראָבע איז אויסצוגעפינען די פערהעלטניסמעסיגע גרויס, אָדער דעם פראָצענט, פון די ווייזשעם צו די גאנצע סומא פון רייכטהום וואָס איז פראָדוצירט געוואָרען. די פראָבע איז לייכט. עס איז א גאנץ איינפאכער חשבון. יעדעם פיערצעהן יעהריגעם קינד דארף דאָס קענען מאכען. לאָמיר דאָס יעצט טאָן.

די אפישע דערצעהלט אונז דאָס אין דעם יאהרצעהנדליג פון 1860 איז אויסגעצאָהלט געוואָרען אין ווייזשעס איבער דריי הונדערט מיליאָן דאָלאר. זי דערצעהלט אונז אויך אז דאָס רייכטהום וואָס די ארבייטער האָבען פראָדוצירט אין דערזעלבער צייט האָט בעטראָפען כמעט צוויי ביליאָן דאָלאר. ווען מיר רעכענען אויס, געפינען מיר אז די ווייזשעס זיינען געווען צוואנציג פראָצענט פון דאָס פראָדוצירטע רייכטהום. יעצט זיינען מיר קלאָר אין איין פאקט. דאָס איז ניט קיין גאנץ פרעהליכער פאקט, אבער עס איז א ניצליכער פאקט צו וויסען. דאָס איז דער ערסטער פאקט וואָס גיט אונז וויכטיגע אויפקלערונג. אונטער דאָס ליכט פון דיעזע אויפקלערונג שרומפפט איין די ריעזיגע שכירות־סומא פון איבער דריי הונדערט מיליאָן דאָלאר, צו איהר ריכטיגע, איהר געזעלשאפטליכע גרויס. מיר וויסען יעצט, דורך די ציפער וואָס די אפישע אליין גיט אונז, דאָס אין 1860 פון יעדע 100 דאָלאר וואָס ער האָט אויסגעארבייט, האָט דער ארבייטער געקראָגען נור 20 דאָלאר: אימיצער אנדערש האָט געקראָגען די 80 דאָלאר. דערפון וויסען מיר דאָס אין 1860 איז דער ארבייטער בערויבט געוואָרען אין 80 דאָלאר פון יעדען 100 דאָלאר ווערטה רייכטהום וואָס ער האָט פראָדוצירט. באלד קומט אריין א חשד אין אונזערע געדאנקען וועגען דעם ווער דיעזער דיקער און יום טובדיגער אָנקעל סעם קען זיין. אבער מיר טרייבען ארויס דעם חשד; צוואנציג פראָצענט פון דאָס וואָס איינער האָט אויסגעארבט איז ווירקליך ניט פיעל; ס'איז טאקי זעהר ווענינ; אבער מיר מוזען געדענקען אז דאָס איז נאָר איין אנפאנג, און דאָס די וואקסענדע ציפער פערשפרעכען אונז פראָטשריט. ערמוטיגט דורך דיעזער האָפנונג, געהען מיר פרובירען די נעקסטע צעהן יאהר.

מאכענדיג דעמזעלבען חשבון מיט די ציפער וועלכע ווערען אָנגעגעבען אויף דער אפישע פאר דעם יאהר 1870, געפינען מיר וויעדער אויס דעם פראָצענט פון דעם ארבייטערס חלק—דעם פערגלייך פון דער פערגרעסערטער סומא פון ווייזשעס צו דער פערגרעסערטער סומא פון פראָדוצירטע סחורות. און דאָס וואָס מיר ענטדעקען אין יענע ציפער גיט אונז אזא זעץ אין מח אז דער בליישטיפט פאלט שיער ארויס פון די הענד. געדענקט, דאָס אין די פאָריגע צעהן יאהר איז דער חלק פון די ארבייטער געווען צוואנציג פראָצענט; געדענקט אויך דאָס מען האָט אונז פערשפראָכען פאָרטשריט. לויט דער פערשפרעכונג האָבען מיר געוויס געהאט א רעכט צו האָפען אז מיר וועלען קריגען וועניגסטענס איין און צוואנציג פראָצענט.

אומזיסטע האָפנונג! דער חלק פון די ארבייטער, ווי עס בעווייזט די פּראָבע מיט די ציפער אויף דיזען פּאָוסטער גופא איז — אכטצעהן פּראָצענט! א זאָנדערבארער פּאָרטשריט איז דאָס. דאָס איז דער פּאָרטשריט פון א בהמה'ס עק — אראָב־צו. אין 1860 איז דער חלק פון די ארבייטער געווען 0 2דאָלאר פון יעדע 100 דאָלאר רייכטהום וואָס איז פּראָדוצירט געוואָרען; אין 1870 געפינען מיר דאָס זייער חלק איז ארונטערגעקומען צו 18 פּראָצענט. אין 1860 זיינען די ארבייטער בערויבט געוואָרען אין 80 דאָלאר פון יעדע 100; אין 1870 בעטרעפט דער רויב, ווי דאָס ווערט ארויסגעבראכט דורך די ציפער אויף דעם פּאָוסטער זעלבסט, 82 דאָלאר פון יעדע 100 דאָלאר רייכטהום וואָס דער ארבייטער האָט פּראָדוצירט. דער פערדאכט וואָס איז אריינגעקומען אין אונזערע געדאנקען דורך די ענטדעקונגען אין 1860 וועגען דעם ווער דיזער דיקער און לוסטיגער אָנקעל סעם איז, לעבט ווידער אויף. (אפּלאָדיסמענטען.) אבער מיר אונטערדריקען עס ווידער. אונזערע האָפנונגען ווערען שטארקער ווען מיר בעטראכטען דאָס עופּה'לעך ליידען אָפּט פון קייך־הוסט, מאזלען, בראָנקיטיס, און אנשטאט כסדר צו ווערען שטארקער ווערען זיי גאָר שוואכער, אבער דאָס איז נאָר איין איבערגאנג; דאָס קינד קומט אין גיכען צו זיך און וואקסט אויס געזונד און שטארק. פּיעלייכט האָט דאָסזעלבע מיט אונז פּאַסירט אין 1870. ערמונטערט דורך דיזע געדאנקען נעהמען מיר זיך צו די נעקסטע צעהן יאהר.

ווידער מאכען מיר דעמזעלבען איינפאכען חשבון, יעצט מיט די שכירות וואָס זיינען אויסגעצאָהלט געוואָרען און די רייכטימער וואָס זיינען פּראָדוצירט געוואָרען אין די צעהן יאָהר פון 1880. דער פּראָצענט וואָס אונזער בליישטיפט האָט ארויסגעבראכט זעהט אויס לעכערליך. מיר האָבען געמוזט מאכען א טעות. מיר וועלען איבערגעהען דעם חשבון נאָך אמאָל. קיין טעות. דעם ארבייטער'ס חלק אין 1880 איז ניעדריגער אלס די צוואנציג פּראָצענט פון 1860; ניעדריגער אלס די אכטצעהן פּראָצענט פון 1870; דאָס איז יעצט זיעבצעהן פּראָצענט! ווען מיר קומען צו דיעזען פּונקט, זיינען מיר שוין מעהר ניט אימשטאנדע צו אונטערדריקען דעם חשד וועגען דעם ווער דיעזער קיילעכדיגער און פרעהליכער אָנקעל סעם איז. (געלעכטער און אפּלאָדיסמענטען.) פון דעסטוועגען לאָמיר דאָך ניט פערליערען דעם מוטה. האָבענדיג אימער אין זינען דעם פערשפּרעכען וואָס דער פּאָוסטער האָט אונז געגעבען וועגען אונזער שטענדיג וואקסענדען רייכטהום געהען מיר איבער צו די נעקסטע צעהן יאהר.

מיר מאכן ווידער דעמזעלבען חשבון וואָס פריהער. מיר רעכענען אויס דעם פּראָצענט פון ווידזשעס וואָס איז אויסגעצאָהלט געוואָרען אין 1890 צום רייכטום וואָס איז אין יענע צעהן יאהר פּראָדוצירט געוואָרען. פּלאי פּלאים! דאָס

זינקען האָט אויפגעהערט, דער פּראָצענט
פון דעם ארבייטער'ס חלק אין 1890 איז
געשטיגען איבער דעם פּראָצענט אין
1880; עס איז געשטיגען איבער דעם
פּראָצענט אין 1870; עס איז יעצט וויע-
דער 20 פּראָצענט אזוי ווי דאָס איז געווען
אין 1860. מיר זיינען דאנקבאר דערפאר
אויך. האָבענדיג ערוואַרטעט נאָך א
ווייטערען זינקען אין ווידזשעס מאכט
אונז דיזע אנגענעהמע איבערראשונג
כמעט גליקליך. אבער נאָך אלעמען זע-
הען מיר דאָך ניט וואו דער „פּאָרטשריט"
איז. די ציפער פון דעם פּאָוסטער
זעלבסט בעווייזען אונז אז מיר זיינען אין
1890 אויף פּונקט דעמזעלבען פלעק וואו
מיר זיינען געווען ווען מיר האָבען אָנגע-
פאנגען אין 1860. נאָך דרייסיג יאהר
שווערע פּראצע; נאָך דרייסיג יאהר, אין
וועלכע דער באָדען פון לאנד איז בוכ-
שטעבליך דורכגעווייקט געוואָרען מיט די
שוויים, בלוט און מארך פון דעם ארביי-
טער; נאָך דרייסיג יאהר אין וועלכע די
אמעריקאנער ארבייטערקלאסע האָט פּראָ-
דוצירט מעהר רייכע יורש'טעס אלס די
ארבייטערקלאסע אין אירגענד איין אנדער
לאנד, צו קויפען אייראָפּעאישע אדעל-
לייט פאר מענער; צום סוף פון דרייסיג
יאהר, אין וועלכע די ארבייטערקלאסע,
ווי דיעזער פּאָוסטער ווייזט, האָט פּראָ-
דוצירט א וואונדערבארע מאסע רייכטי-
מער — צום סוף פון דיעזע דרייסיג יאהר
איז די אמעריקאנער ארבייטערקלאסע
אויף דעמזעלבען פּלאץ ווי זי איז געווען
מיט דרייסיג יאָהר פריהער, און בעקומט
נור 20 דאָלאר פון יעדע 100 דאָלאָר
ווערטה רייכטהום וואָס זי האָט פּראָדו-
צירט! עס איז קוים פאראן וואָס זיך
איבערצונעהמען מיט אזא פּאָרטשריט.
דאָס הייסט א שטענדיגעס עלענד. דאָך
דער מענש האָפּט אימער. פּיעלייכט זיי-
נען שוין די לאנגע הונגער-יאהרען ענד-
ליך אוועק. פּיעלייכט קומט ענדליך אָן
פאר אונז א ליכטיגער טאָג, און מיר ווע-
לען פלוצלונג גוטמאכען פאר דער צייט
וואָס מיר האָבען פערלאָרען אזוי אז מיר
וועלען אויסזעהען אין 1900 ווי דער
תקיפ'ער, גוט געפּאשעטער, גוט געקליידע-
טער, לוסטיגער אָנקעל סעם, וועלכער, ווי
דער פּאָוסטער זאָגט, שטעלט פאָר דעם
ארבייטער.

נון וועלען מיר יעצט אויספּרובירען
די ציפער פאר 1900, די לעצטע ציפער
אויף דער אפּישע. מיר מאכען וויעדער
דעמזעלבען חשבון וואָס פריהער. וועה
איז אונז! אונזערע האָפנונגען זיינען צו-
שטערט: דער פּראָצענט פון דעם ארביי-
טער'ס חלק קומט וויעדער ארונטער. ער
איז יעצט וויעדער אויף דעם ניעדריגסטען
פּונקט — זיעבצעהן פּראָצענט! דאָס
שטייגען אויף א ווילע אין 1890 איז גע-
ווען ניט מעהר ווי א פלאטער אין דעם
אויג פון א מענשען וואָס האלט ביים
שטארבען — דער אנזאג פון טוידט.

דיאיעניגע וועלכע זוכען צו מאכען
פאר ליגנער די סאָציאליסטען דערפאר
וואָס זיי טענה'ן דאָס די ארבייטערקלאסע
ווערט שענדליך געפּלינדערט דורך דער
קאפּיטאליסטענקלאסע, בלייבען יעצט

אליין די ליגנער. **ווען אפילו מיר זאָלען** פון דעם ווערטה פון די פערטיגע סחורות אראָבערעכנען פאר די אימפּאָרטירטע רויע סחורות דאָס וואָס עס האָבען דערצו בייגעטראָגען די ארבייטער פון אנדערע לענדער, ווען אפילו מיר זאָלען ניט גערעכענט אראָבערעכנען פון דעם ווערטה פון די פערטיגע סחורות פאר אלץ וואָס איז נויטיג, בעווייזען דאָך די ציפער אויף דער אפּישע אז די קליינינגקייט פון איין פינפטעל פון דעם פערבליעבענעם ווערטה פון איהרע פּראָדוקטען איז דאָס העכסטע וואָס מען קען זיך פאָרשטעלען אלס דעם חלק וואָס עס ווערט דער ארבייטערקלאסע ערלויבט צו האלטען אלס דאָס איהריגע.

די ערסטע פון די צוויי פּראָבען מיט וועלכע דיעזע ציפער פון „אויסגעצאָהלטע וויידזשעס" זיינען אויספּראָבירט געוואָרען פערניכטעט דעם גלאַנץ פון זיי; זי בעווייזט אַ רעכט ביסעל פון זייער נאַקעטע און העסליכע ווירקליכקייט; זי פיהרט אונז צום שלום דאָס ניט דיעזער לוסטיגער אָנקעל סעם, זאָנדערן יענער אונגליקליכער נפש אויף דער אנדער זייט פון דער אפּישע שטעלט פאַר דעם אמעריקאנישען ארבייטער. די אנדערע פּראָבע וועט דעם פאקט פעסטשטעלען אָהן שום צווייפעל.

לאָזט מיר דורכגעהן נאָך אמאָל די ציפער אין דיעזער רייהע פון „אויסגעצאָהלטע שכירות", כדי צו דערפרישען אייער זכרון. די שכירות וואָס זיינען אויסגעצאָהלט געוואָרען אין די מאנופאקטור־אינדוסטריען ווערען דאָ אָנגעגעבען אלס

איבער דריי הונדערט מיליאָן דאָלאר אין 1860;

איבער זיעבען הונדערט מיליאָן דאָלאר אין 1870;

איבער ניין הונדערט מיליאָן דאָלאר אין 1880;

איבער אכטצעהן הונדערט מיליאָן דאָלאר אין 1890; און

איבער דריי און צוואנציג הונדערט מיליאָן דאָלאר אין 1900.

דער צוועק פון אויסשטעלען אויף אזא אופן דאָס וואקסען פון די וויידזשעס איז קלאָר. די כונה איז צו מאכען דעם איינדרוק דאָס די לאגע פון יעדען איינציגען ארבייטער ווערט פערבעסערט; דאָס זי איז גוזמא'דיג פערבעסערט געוואָרען. דאָס אויסשטעלען די ציפער אויף דעם שטייגער איז געמאכט מיט דער כונה אז עס זאָל אויסזעהען דאָס דיא שכירות אָדער פערדיענסטען פון דעם איינציגען ארבייטער האָבען זיך פיעל געהויבען — און דאָס זאָל שטארק אזוי אויסזעהן. איך וועל אייך איבערצייגען דורך דעם עדות גופא וואָס איך האָב יעצט אויפ'ן עדות־שטול, דאָס זיין צוועק איז צו בעקומען אַ פאלשען אורטייל אויף אונפאָלשטענדיגע בעווייזע; אז ער איז שולדיג אין דעם ערגסטען זאָרט פון בעטריגעריי וואָס בעשטעהט אין זאָגען אַ האלבען אמת און אונטערדריקען דעם אנדער האלבען; אין קורצען, אז ער ער איז אַ שווינדלער.

הערט זיך ווייטער צו מיט קאָפּף. איז

דער פאַקט אַליין דאָס אין 1860 האָבען די שכירות בעטראָפען דריי הונדערט מיליאָן דאָלאַר און דאָס אין 1900 איז די סומא פון שכירות געווען מיט צוויי ביליאָן דאָלאַר גרעסער — איז דיעזער פאַקט אַליין גענוג צו בעווייזען אז די לאַגע פון דעם ארבייטער איז פערבעסערט געוואָרען? לאָמיר דאָס ערקלערען מיט איין איינפאַכען משל. שטעלט זיך פאָר אז איך דערצעהל אייך דאָס לעצטען מאָנאַט האָב איך אויסגעצאָהלט צעהן דאָלאַר אין ווייךזשעס, און דאָס דיעזען מאָנאַט צאָהל איך אויס צוואנציג דאָלאַר. איך וואָלט יעצט אויסגעצאָהלט צוויי מאָל אזוי פיעל אין שכירות אלס איך האָב אויסגעצאָהלט לעצטען מאָנאַט. הייסט דאָס אז מיינע ארבייטער בעקומען יעצט צוויי מאָל אזוי פיעל אלס זיי האָבען בעקומען לעצטען מאָנאַט? עס קען זיין אז יע — עס קען זיין אז ניט. דאָס ווענדעט זיך ניט בלויז אויף דער גרעסערער סומא וויידזשעס וואָס איז אויסגעצאָהלט געוואָרען: דאָס ווענדעט זיך אָן נאָך איין אנדער זאַך. וואָס איז די אנדער זאַך? זעלבסטפערשטענדליך איז דאָס די צאָהל ארבייטער וואָס איך האָב בעשעפטיגט לעצטען מאָנאַט, און די צאָהל ארבייטער וואָס איך בעשעפטיג דיעזען מאָנאַט. אויב איך האָב לעצטען מאָנאַט בעשעפטיגט נאָר צוויי ארבייטער, וועט עס הייסען אז זייערע שכירות זיינען געווען אים דורכשניט פינף דאָלאַר פאַר יעדען; אויב איך בעשעפטיג אבער דיעזען מאָנאַט צעהן ארבייטער, דאַן, אַבוואָהל די סומא וואָס איך צאָהל אויס אין שכירות איז יעצט צוויי מאָל אזוי גרויס, זיינען אבער די שכירות פון מיינע ארבייטער קלענער געוואָרען מיט איבער פופציג פראָצענט. (אפּלאָדיסמענטען.) די סומא פון שכירות מעג זיך וואקסען הויך ווי א בארג, און דאָך זאָלען די שכירות פון דעם איינציגען ארבייטער ווערן אימער קלענער. (אפּלאָדיסמענטען.) לאָמיר אלזאָ יעצט ברענגען דיעזען זייל פון בלענדענדע ציפער וואָס זיינען אויסגעצאָהלט געוואָרען אין שכירות צום פּרובירשטיין פון דעם פּרינציפּ וואָס איך האָב עבען ערקלערט. די ערסטע זאַך וואָס ווארפט זיך אין די אויגען איז דאָס וואָס ניט אין דיעזען זייל ציפער, ניט אין די אנדערע זיילען ווערט אויף קיין אופן דערמאָהנט וועגען די צאָהל ארבייטער צווישען וועמען דיעזע גרויסארטיגע ציפער דארפען צוטהיילט ווערען. קיין וואָרט וועגען זייער צאָהל אין 1860; קיין וואָרט וועגען זייער צאָהל אין 1870; קיין וואָרט וועגען זייער צאָהל אין 1880; קיין וואָרט וועגען זייער צאָהל אין 1890; קיין וואָרט וועגען זייער צאָהל אין 1900. דער עדות אויף דעם עדות־שטוהל ענטלויפט פון דעם אמת; ער וויל זיך אויסדרעהען; ער זאָגט פאלש עדות (אפּלאָדיסמענטען.) מיר דארפען ניט מעהר ווי דאָס אום צו וויסען וואָס צו טאָן מיט איהם. דאָך, וויל איך איהם ניט פער'משפּט'ען אויף א זייטיגען אויפן; איך וויל איהם פער־משפּט'ען אויף אויסדריקליכע בעווייזע.

דער צענזוס, וועלכער איז אויסגעאַר־

בייט געווארען פון דערזעלבער קלאסע וואס האט ארויסגעגעבען דיעזען פאוסטער, זאגט אונז, דאס אין 1870 זיינען געוועזן צוויי מיליאן, 53 טויזענד, 966 ארבייטער בעשעפטיגט אין די פאבריק־אינדוסטריען. די שכירות וואס איז זיי אויסגעצאהלט געווארען, לויט דיעזען פאוסטער, האבען בעטראפען 775 מיליאן, 484 טויזענד, 343 דאלאר. ווען מיר מאכען א חשבון פון חלוק און צוטהיילען די גאנצע צאהל פון ארבייטער צו וועמען דיעזע שכירות זיינען אויסגעצאהלט געווארען אין יענער סומע, געפינען מיר דאס 377 דאלאר איז די דורכשניטליכע יעהרליכע שכירות פאר יענע צעהן יאהר. האט דאס גוט אין זינען.

אין די נעקסטע צעהן יאהר, 1880, ווען די גאנצע סומא שכירות ווערט אנגעגעבען אויף דיעזען פאוסטער אלס 947 מיליאן, 953 טויזענד, 795 דאלאר, זיינען געוועזן לויט דעם צענזוס צוויי מיליאן, 732 טויזענד, 595 ארבייטער בעשעפטיגט ביי פאבריק־ארבייט. צוטיילענדיג דיעזע ציפער אין דער סומא פון שכירות, וועלען מיר אויסגעפינען וואס איז געוועזן די דורכשניטליכע שכירות וואס מען האט דאן געצאהלט, און מיר וועלען דאדורך אויך קריגען א בעגריעף פון דער לאגע פון די ארבייטער. די ציפער, וועלכע מיר קריגען איז 346 דאלאר — מיט 31 דאלאר וועניגער אלס פריהער! אבוואהל די גאנצע סומא שכירות איז גישטיגען ווערהענד די לעצטען צעהן יאהר ארום צוויי הונדערט מיליאן דאלאר, זיינען אבער די שכירות פון דעם איינציגען ארבייטער געפאלען מיט איין און דרייסיג דאלאר!

מיר געהען ווייטער, צו די צעהן יאהר פון 1890. פאר יענער צייט גיט אונז דער פאוסטער איין ביליאן, 891 מיליאן, 228 טויזענר, 321 דאלאר אלס די אויסגעצאהלטע שכירות. דער צענזוס זאגט אונז דאס יענע סומא האט געמוזט צוטיילט ווערען צווישען פיער מיליאן, 351 טויזענד, 535 ארבייטער. וויעדער צוטיילענדיג דיעזע צאהל אין דער געזאמטער סומא פון שכירות וואס איז זיי אויסגעצאהלט געווארען, בעקומען מיר 445 דאלאר אלס די דורכשניטליכע שכירות. דאס בעווייזט א שטייגערונג. וואס פאר א ווערט דיעזע אבסאלוטע שטייגערונגען האבען, אז זיי פערשווינדען ווי טומאן פאר דער זון, אז זיי זיינען נאר איין איינבילדונג און, אין דער ווירקליכקייט, א שווינדעל — דאס וועל איך שפעטער קלארמאכען. דערווייליג, האלטענדיג זיך פעסט ביי אונזער יעצטיגער אונטערזוכונג, וועלען מיר דאס בעטראכטען אלס איין אבסאלוטען געווינס. בעטראכטענדיג דאס אויף דעם אופן, וועט עס זיין גאנץ ריכטיג צו פערגלייכען דעם געווינס וואס די ארבייטער האבען געמאכט מיט דעם געווינס וואס עס האט געמאכט יענע קלאסע וועלכע מיר וויסען יעצט אז דער פעטער אנקעל רעפרעזענטירט זי. נאך צוואנציג יאהר פון אזעלכע פראצע, ווי איך דארף עס אייך ניט דערצעהלען, געפינען מיר דאס די שכירות

פון דעם דורכשניטליכען ארבייטער זיינען געשטיגען מיט דער געוואלטיגער סומא פון 68 דאָלאר א יאָהר, אָדער 19 סענט א טאָג מעהר, וועהרענד די קליינע קלאסע וועמען דיעזער לוסטיגער חברה־מאן — דיעזער קיילעכדיגער אָנקעל סעם — פערטרעט, האָט א פעולה געטאָן אין דערזעלבער צייט דורך א צוואוואקס פון סך הכל דריי ביליאָן, 228 מיליאָן, 883 טויזענד, 520 דאָלאר — און ביי זיי זיינען ניט געווען קיין פיער מיליאָן וועלכע זאָלען זיך צוטיילען מיט דעם „כזית“. (אפלאָדיסמענטען).

מיר געהען יעצט איבער צום נעקסטען און לעצטען יאהרצעהנדליג, די צעהן יאָהר פון 1900, ווען לויט דיעזען פאָוסטער, די געזאמטסומא פון אויסגעצאָהלטע שכירות האָט בעטראָפען צוויי ביליאָן, 330 מיליאָן, 578 טויזענד, 10 דאָלאר, און, לויט דעם צענזוס, זיינען געווען פינף מיליאָן, 341 טויזענד, 539 ארבייטער בעטייליגט אין מאנופעקטור אינדוסטריען. צוטיילענדיג די לעצטע ציפער אין די ערשטע בעקומען מיר די דורכשניטשכירות וואָס דער ארבייטער האָט ערהאלטען. דאָס איז געווען 436 דאָלאר — 9 דאָלאר ו ו ע נ י ג ע ר אלס אין 1890 ! מערקט נאָר — טראָצדעם וואָס די גאנצע סומא פון אויסגעצאָהלטע שכירות איז ג ע ש ט י ג ע ן מיט 439 מיליאָן, 349 טויזענד, 689 דאָלאר, איז דער אמת'ער פערדינסט פון דעם דורכשניטליכען ארבייטער פ ע ר ק ל ע נ ע ר ט געווארען מיט 9 דאָלאר !

איך האָב געזאָגט מיט א מינוט צוריק דאָס די דורכשניטליכע פערבעסערונגען אין שכירות וואָס ווערען געשטעלט צום חשבון פון יעדען איינציגען ארבייטער זיינען נאָר „פאפיערענע פערבעסערונגען“, און איך האָב פערשפּראָכען דאָס צו בעווייזען. איך וועל דאָס יעצט טאָן. ווי מיר האָבען געזעהען זיינען די שכירות געפאלען ניין דאָלאר צווישען 1890 און 1900. דאָך, די ציפער ווייזען אין דער ווירקליכקייט דאָס פון 1870 ביז 1900 איז דער דורכשניטלאָהן געוואקסען מיט 59 דאָלאר א יאהר. ווען אפילו דיזע ארמזעליגע ציפער זאָל טאקי אין דער אמת'ן זיין ריכטיג, וואָלט עס געווען נור א שפאס. וואָס דען, ווען ניט א שפאס, איז א העכערונג פון 59 דאָלאר א יאָהר, נאָך דרייסיג יאָהר האָרעוואניע, פאר דער קלאסע וועמעס שוויים פון איהר אנגעזיכט און וועמעס מאָרך פון איהרע ביינער האָט פערגרעסערט די מאסע רייכטימער אין יענער צייט מיט דער ריעזיגער סומא פון 8 ביליאָן, 806 מיליאָן, 954 טויזענד, 124 דאָלאר ! דאָס איז א טראגישער שפאס. עס איז נור איין שריט אפילו פון דאָס טראגישע צו דאָס לעכערליכע. איך וועל אייך ווייזען, אז אפילו די בארמזעליגע 59 דאָלאר פערשווינדעט און עס בלייבט דערפון ניט איבער קיין צובראָכענער שילינגער. דאָס וואָס איך וועל אייך יעצט ערקלערען איז ניט מעהר אלס א טייל פון דער צווייטער פראָבע מיט וועלכער איך האָב אויספּרובירט די ציפער פון „אויסגעצאָהלטע שכירות“, און וועלכע

האט די רעכנונגען צושלאגען אויף שטי־
קער. די נעבענפראבע וואס איך וועל
יעצט מאכען וועט צושמעטערען די פער־
בליבענע שטיקער. איך מוז אייך ווידער
בעטען זיך צוצוהערען מיט קאפף.

איהר האט געזעהען ווי פערפיהרע־
ריש, ווייל ניט פאלשטענדיג, עס זיינען
געווען אלע פערגלייכונגען פון אויסגע־
צאהלטע שכירות וואס זיינען אויסגע־
צאהלט געווארען אין פערשיעדענע ציי־
טען, ווען עס ווערט ניט אין דערזעלבער
צייט אנגעגעבען די צאהל פון ארבייטער,
צווישען וועמען די שכירות זיינען צו־
טיילט געווארען און די פערשיעדענע ציי־
טען. איך וועל אייך יעצט ווייזען ווי
אזוי אזעלכע פערגלייכונגען פון שכירות
וואס זיינען אויסגעצאהלט געווארען אין
פערשיעדענע צייטען, אפילו צו דעמזעל־
בען ארבייטער, זיינען אויך פעררעטהע־
ריש, און ווערן געגעבען מיט דער כונה צו
בעטריגען, סיידען אנדערע פאקטען
ווערען גענומען אין אנבעטראכט.

מיר וועלען דאס אנפאנגען צו ער־
קלערען דורך א משל. לאמיר זאגען דאס
לעצטעם יאהר זיינען מיינע שכירות גע־
ווען איין דאלאר א טאג, און היי־יאהר זיי־
נען זיי א דאלאר מיט 25 סענט א טאג.
איז דער בלויזער פאקט דאס איך בעקום
יעצט אין מזומן פינף און צוואנציג סענט
מעהר אלס לעצטעם יאהר גענוג צו בעוויי־
זען דאס דיעזען יאהר בין איך מיט פינף
און צוואנציג סענט רייכער? לאזט מיר
אייך צוהעלפען צו דער אנטווארט דורך
געבען אייך א ווייטערען משל. שטעלט זיך
פאר דאס לעצטעס יאהר, ווען מיינע
שכירות זיינען געווען הונדערט סענט, איז
דער קאסט פון לעבענסמיטעל — דירה־
געלד, עסענווארג, קליידונג, די נויטווענ־
דיגסטע זאכען צום לעבען — געווען ניין
און ניינציג סענט. וואס וואלט געווען דער
פועל יוצא? דער פועל יוצא וואלט געווען
אז איך וואלט געהאט א פעני איבער און
אריבער מיינע בעדירפניסע. איך וואלט
דאס געקענט ענטוועדער אריינלעגען אין
שפארבאנק (געלעכטער), אדער אין אק־
ציען (געלעכטער) ווייל מען זאגט אונז
דאס ארבייטער לעגען אריין זעהר פיעל
געלד אין אקציען. (געלעכטער). אבער
שטעלט זיך פאר ווייטער דאס יעצט, ווען
מיינע שכירות זיינען הונדערט מיט פינף
און צוואנציג סענט, איז דער קאסט פון
לעבענסמיטעל אזוי געשטיגען אז ער דער־
גרייכט שוין ביז הונדערט זעקס און צוואנ־
ציג סענט. וואס איז דאס רעזולטאט?
דאס רעזולטאט איז אז איך בין „מכולה“.
(געלעכטער און אפלאדיסמענטען.) יעצט
פערשטעהט איהר. דעריעניגער וועלכער
זאגט אונז דאס שכירות זיינען געשטיגען
און זאגט אונז גאר ניט מכוח דעם קאסט
פון לעבענסמיטעל, זוכט אונז צו בע־
שווינדלען. דאס איז ווידעראמאל דער
פאל מיט דעם עדות וועלכען איך האב דא
אויף דיעזען טאפעל. אויך וועגען דיעזען
פונקט איז ער שטום ווי א פיש. אבער
זיין שטומען דארף מיר פון דעסטוועגען
ניט לאזען אין א פערלעגענהייט. איך
דארף איהם ניט האבען. איך וועל, מיט
אייער הסכמה, מאכען אייך פאר לעבע־

דיגע סטאטיסטיקס. איך בעט אלע דיאיעניגע פון אייך, די פרויען אריינגערעכענט, וועלכע וויסען גאנץ געוויס זעהר פיעל וועגען דעם — אלע דיאיעניגע פון אייך וועמעס ערפאהרונג עס איז דאס דער קאסט פון לעבענסמיטעל איז יעצט ניעדריגער אלס ער איז געוועזען מיט צוואנציג אדער מיט צעהן יאהר צוריק, אויפצוהעבען אייערע רעכטע הענד. איך וועל בעטען דעם פארזיצענדען צו צעהלען די הענד. (דער פארזיצענדער האט זיך אויפגעהויבען, האט איבערגעקוקט דאס פובליקום, און האט בעריכטעט: „ניטא קיין הענד“.) איך וועל יעצט בעטען אלע דיאיעניגע אויפצוהויבען זייערע רעכטע הענד וועמעס ערפאהרונג עס איז דאס דער קאסט פון לעבענסמיטעל איז גענוי דאס זעלבע ווי מיט צוואנציג אדער צעהן יאהר צוריק, ניט ניעדריגער און ניט העכער. זייט אזוי גוט און הויבט אויף אייערע רעכטע הענד, דיאיעניגע וועלכע קזייזן אזעלכעס ערקלערען. איך וועל ווידער בעטען דעם פארזיצענדען צו צעהלען די הענד. (דער פארזיצענדער האט זיך אויפגעהויבען, האט איבערגעקוקט דאס פובליקום, און האט בעריכטעט: „ניטא קיין הענד“). איך וועל נעהמען א דריטע אבשטימונג. לאזען אלע דיאיעניגע אויפהעבען די רעכטע הענד, וועמעס ערפאהרונג עס איז דאס דער קאסט פון לעבענסמיטעל איז געשטיעגען און איז געשטיעגען גאנץ פיעל. (אלע הענד העבען זיך אויף). וועט דער פארזיצענדער צעהלען? (דער פארזיצענדער: „צו פיעל צו צעהלען“.) פון דעם אטלאנטישען ים ביז אריבער דעם מיססיסיפי ריווער איז דאס דיעזעלבע אנטווארט וואס איך האב בעקומען פון די פובליקומס וועלכע איך האב אדרעסירט. אנפאנגענדיג מיט דירה־געלד, זיינען די לעבענסנויטווענדיגקייטען איבעראל געשטיגען אין פרייז. — דא געהט שוין אוועק א היבשער חלק — די גרויסע מאסע, פיעלייכט נאך מעהר, פון יענעם וואונדערבארען 59 דאלארדיגען צואוואקס אין שכירות זייט 1870 ! (אפלאדיסמענטען).

איך וועל יעצט פערניכטען דאס ברעקעל וואס איז נאך מעגליכערווייזע פערבליעבען פון דעם „צואוואקס“. איהר האט געזעהען אז דאס וויסען ריכטיג דעם קאסט פון לעבענסמיטעל איז אונבעדינגט נויטיג אום ריכטיג צו פערשטעהן אויב א צואוואקס אין שכירות הייסט בעסערע בעדינגונגען. איהר האט געזעהען אז עס קען געבען א צואוואקס אין שכירות און דאך זאל ניט אין דערזעלבער מאס פערבעסערט ווערען דעם ארבייטער׳ס לאגע, אויב דער קאסט פון לעבענסמיטעל איז געשטיעגען. ענג פערבונדען מיט דער פראגע פון דעם פרייז וואס ווערט געצאהלט פאר סחורות איז די פראגע פון די קוואליטעט (מעלות) פון די סחורות. לאזט מיר אייך ווידער געבען א משל איידער איך בעשפרעך די פראגע גופא. לאמיר אננעהמען דאס מיט צוואנציג יאהר צוריק האב איך געצאהלט צעהן דאלאר פאר איין אנצוג קליידער, און דאס יענער אנצוג האט מיר געדיענט צוויי

יאָהר, לאָמיר זאָגען, צוויי ווינטערס. און לאָמיר יעצט ווידער אָננעהמען דאָסדיעזען יאָהר דיענט איין אנצוג, וועלכער זעהט אוים גראָדע אַזוי גוט, נור איין יאָהר, לאָמיר זאָגען, איין ווינטער. וואָס בעוויזט דאָס אין דעם עניין פון מקח? דאָס בעווייזט, דאָס וועהרענד מיט צוואַנציג יאָהר צוריק האָט מיר א צעהן דאָלאַר שטיק בעזאָרגט מיט קליידער פאַר צוויי יאָהר, בעזאָרגט מיר א צעהן דאָלאַר שטיק יעצט מיט קליידער נאָר פאַר איין יאָהר. אין אנדערע ווערטער, אויב איך וויל ניט ארומגעהן אין שמאַטעס דאָס צווייטע יאָהר, די קליידער וואָס האָבען מיר מיט צוואַנציג יאָהר צוריק געקאָסט נור צעהן דאָלאַר, קאָסטען מיר יעצט צוואַנציג דאָלאַר. דער פועל יוצא פון דיעזען כלל איז אז ווען די סחורה איז ערגער איז דער פרייז גרעסער. אויבען אויף איז דער פרייז פערבליעבען דערזעלבער וואָס געוועזען: אין דער ווירקליכקייט איז דער פרייז געשטיעגען.

אין עסענוואַרג און אין קליידונג האָט די פערערגערונג (פעלשונג) דערגרייכט אזא פונקט וועהרענד די לעצטע צוואַנציג יאָהר, אז עס איז גאָר ניט משער צו זיין. דיא בעריכטען וועגען שאַדדי (לומפּענוואָל, געפעלשטע וואָל), וואָס ווערט געמאַכט אין אונזערע פאַבריקען וואָלטען געוועזען איינפאַך ניט צו גלויבען, ווען זיי וואָלטען ניט געוועזען אזוי קלאָר בעוויזען. דאָס איז א זאַך וואָס אַלע ווייסען. בעזאָנדערס איז די הויזפרוי גוט בעקאַנט דערמיט. פרעגט א פופציגיעהריגע פרוי, און זי וועט אייך דערצעהלען וועגען דער פראַגע טרויעריגע מעשיות. איין עלטערע הויזפרוי וועמען איך האָב אויסגעפרעגט וועגען דעם, האָט געזאָגט אזוי: „ווען איך האָב חתונה געהאַט און געקויפט א סוט אונטערוועש פאַר הענרי'ן, האָט עס געדיענט צוויי יאָהר, אָפטמאָל נאָך לענגער; יעצט ווען איך קויף פאַר איהם אונטערוועש, דאַרף איך דאָס אָנפאַנגען צו פערריכטען באַלד ווי ער טוט עס אָן.“ (געלעכטער.)

אזוי איז אויך מיט עסענוואַרג. עס איז קוים פאַראַן איין עסענזאַך, איבערהויפּט די עסענזאַכען וואָס דער ארבייטער קען זיין אימשטאַנד'ע צו קויפען, וואָס איז ניט געפעלשט, פאַלגליך, וואָס איז ניט פערדאָרבען. זעהר פיעל איז שוין געשריעבען געוואָרען וועגען דעם ווי ווייט דיעזער געפעהרליכער שפּיעל ווערט געטריעבען. דיעזע שריפטען ווייזען אַז דאָס געזונד ווערט דאַדורך אונטערגעגראָבען, ווען אפילו דאָס לעבען אליין ווערט דאַדורך ניט גיך אויסגעלאָשען. איינע פון דיעזע שריפטען, ניט לאַנג ערשיענען, בעהויפּטעט דאָס די פעלשונגען פון עסענוואַרג זיינען דירעקט פעראַנטוואָרטליך פאַר דעם טויט פון איבער פיער הונדערט טויזענד עופה'לאַך א יאָהר; און עס ווערען אויך צוגעשריעבען די קראַנקהייט און דער טויט פון טויזענדע איבער טויזענדע דערוואַקסענע מענשען צו דערזעלבער אורזאַכע.

לאָזט מיר ציטירען נאָך איין אויטאָריטעט איבער דיעזער פראַגע. איהר וועט

געפינען אויף זייטע 132 פון דעם קאָנגרעשאָנעל רעקאָרד, אונטער דעם דאַטום פון 12טען דעצעמבער פון פאָריגען יאָהר די פאָלגענדע שטעלע: דאָס איז א שטעלע פון דער רעדע, וועלכע סענאַטאָר סטיוארט האָט געהאַלטען אין פערלויף פון דער דעבאַטע איבער דער ביל וועגען עסענוואַרג (פוד־ביל). (לעזט):

„איך ווייס ניט אויב דאָס לאַנד האָט וועלכע בעגריעף וויפעל גיפטען עס ווערען ארויינגעטאָן אין די עסענוואַרג וואָס ווערט פערקויפט און געגעסען אין דיעזען לאַנד. איך דענק אַז דאָס גראָבט אונטער דעם געזונד פון אונזער פאָלק. ווען מיר זאָלען דאַרפען צונויפרופען סאָלדאַטען יעצט אַזוי ווי מיר האָבען געטאָן אין 1861 גלויב איך ניט אויב אין גאַנצען לאַנד וועלען מיר קענען געפינען אַזאַ גרויסען פּראָצענט יונגע לייט, וועלכע זאָלען זיין פּאַסענד פאַר שווערע אַרבייט ווי עס זיינען געווען אין יענער צייט.“

דער טעם פון א מאכל איז דיעזען פאַל ווי אין אלע אנדערע פעלע, ליעגט שטענדיג אים עסען. ווען שבירות שטייגען אין דער אמת'ן, און דער קאָסט פון לעבענסמיטעל שטייגט ניט, און די נויטיגע זאכען צום לעבען — עסענוואַרג און קליידער — ווערען ניט געפעלשט און פערדאָרבען; אויב זיי פערבלייבען גוט אָדער ווערען נאָך אפילו בעסער, וואָס מוז זיין דאָס רעזולטאַט? גאַנץ נאַטירליך דאָס די מענשען וועלכע געניסען דיעזע זאכען מוזען זיין געזונד און מונטער; זיי מוזען זיין געזונד ווען זיי לעבען, און זייערע לעבענס מוזען זיין לאַנג. ווען אבער, פערקעהרט, די פערדיענסטען הויבען זיך קוים און דאָס הויבען זיך ווערט נאָך מעהר ווי אויפגעגעסען דורך די העכערע פּרייזען און די פערשלימערונג פון אזעלכע לעבענסנויטווענדיגקייטען, ווי עסענוואַרג און קליידער, מוז זיך דאָס אָברופען אין דער לאַגע פון דער קלאַסע וועלכע ליידעט דערפון. אויב איהר זייט א מאָל אין ניו יאָרק געהט זיך דורך אין דער צווייט און פערציגסטער סטריט, אָדער פינפטער עוועניו, וואו עס געפינען זיך די קלאָבס פון די רעפּובליקאנישע און דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, און פון עטליכע אנדערע קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפטען. עס מוזען זיין אזעלכע קלאָבס אויך דאָ אין מינעאַפּאָליס; זיי געפינען זיך אין אלע אונזערע גרויסע שטעדט, אפילו אין מאנכע קלענערע פאַבריקשטעדט. קוקט דורך די גרויסע שפּיעגעל־פענסטער אין די גלענצענדע חדרים אריין. איהר וועט זעהען פיעלע גרויע קעפּ. איז דאָס דערפאַר ווייל דיעזע העררען ווערן גרוי פאַר דער צייט? איז דאָס דערפאַר ווייל זיי זיינען שלעכט גענעהרט און געקליידעט וואָס זייערע האָאר זיינען געוואָרען גרוי? ניין! איך גיב צו: אז אין זייער אלטען אויסזעהען זיינען אביסעל שולדיג זייערע אויסגעלאַסענע לעבענס און זייער געהיימע פיעלווייבעריי. דאָך זיינען זיי ווירקליך אלט אין יאָהרען. די זאכען וואָס זיי בענוצען פאַר זייערע לעבענסמיטעל זיינען אזוי גוט דאָס זייער גאַנצע אויסגעלאַסענהייט און אונמאָראַלישע אויפפיה־

רונגען שטערען זיי ניט אין דערלעבען אלטע יאהרען.

האבענדיג זיך אנגעקוקט אין יענע פלעצער, געהט ארונטער אין די מקומות וואו די ארבייטער קלאסע וואהנען, און בעזוכט די פלעצער וואו די ארבייטער קומען זיך צונויף. נעהמט מיט זיך פאפיער און א בליישטיפט. אויף דאס פאפיער מאכט א שטריך פאר יעדען גרויען קאפף וואס איהר וועט דערזעהען. און איהר וועט האבען זעהר ווייניג שטריכען צו מאכען. טוט נאר א קוק אויף דיעזער פערזאמלונג פון ארבייטער. עס איז קוים צו געפינען א גרויען קאפף צווישען זיי. אין א פערזאמלונג העלפט אזוי גרויס, אבער פון קאפיטאליסטען, וואלט איהר געפונען פיעלע גרויע קעפף. צווישען ארבייטער זיינען זיי זעהר וועניג צו זעהען. הייסט עס אז די ארבייטער ווערען אזוי גוט גענעהרט און אזוי גוט געקליידעט, אז זייערע האאר פערבלייבען אין דער יונגער פארם אפילו אויף דער עלטער, און בעהאלטען אויף אזא'ן אופן זייערע יאהרען? א, ניין! גרויע קעפ זיינען אזוי זעלטען צווישען זיי, ווייל זייערע האאר האבען ניט קיין צייט צו בייטען זייער פארב. לאנג איידער עס קומט דערצו, זיינען זיי שוין פערזונקען אין פריהצייטיגע קברים, די קרבנות פון שרעקליכע פראצע, זייער לאנגע פערערגערט דורך קליינע פערדיענסטען, און דאן ווידער פערערגערט דורך די פעלשונג פון סחורות ווייל נאר אזעלכע סחורות קענען זיי מיט זייערע פערדיענסטען קויפען. (שטארקע אפלאדיסמענטען.)

איין אינטערעסאנטעס זייטענליכט ווערט געווארפען אויף דיעזער פראגע דורך דעם אפיציעלען בעריכט וואס דער ענגלישער קאנסול אין שיקאגא האט דא ניט לאנג געשיקט צו זיין רעגיערונג. רעדענדיג וועגען די מאשיניסטען ספעציעל, האט ער געזאגט דאס ווען א מאשיניסט אין די יונייטעד סטייטס איז צוויי און פיערציג יאהר אלט און איז אויסער ארבייט, איז עס פאר איהם שווער צו קריגען א דזשאב. ער ערקלערט ווארום דאס איז אזוי — ער זאגט: אויב דער מאן האט געארבייט אזוי ווי עס ווערט פון איהם געפאדערט, איז ער אין גאנצען אויסגעארבייט צו צוויי און פיערציג; אויב ער איז ניט אויסגעארבייט, איז דאס א סימן אז ער האט ניט געארבייט ווי געהעריג, און טויג דארום פאר זיי אין קיין פאל ניט. (געלעכטער.) איך וויל ברייינגען נאך איין בעוויז פאר דיעזען פונקט איידער איך בין פערטיג מיט דער פראגע. דער מאן וועלכען איך וועל ציטירען איז ניט א „פייערדיגער אגיטאטאר“; אבוואהל ער האט אפט גערעדט אין דער עפענטליכקייט, איז אבער זיין טהעמא קיין מאל ניט געוועזן אזעלכעס וואס קען רייצען א מענשען צו איבערטרייבונגען. דאס איז האקסלי, דער לאנגזאמער, האררעפאסנער, אקוראטנער וויסענשאפטסמאן. ער האט געזאגט דאס פיער־פינפטעל פון פאלק שטארבען פון לאנגזאמען פערהונגערן. עס זיינען פיעלייכט פאראז

צווישען אייך אזעלכע וועלכע האבען א נייגונג צו סטאטיסטיקס. אויב אזעלכע זיינען פאראן, האבען זיי פיעלייכט דורכגעקוקט די שטערבליכקייט סטאטיסטיקס וועלכע ווערן ארויסגעגעבען פון דעם צענזוס און אנדערע אפיציעלע קוועלען. אזעלכע פריינד מיט סטאטיסטישע נייגונגען קענען זאגען: „אך, דאס איז אונזין; איינער אדער צוויי קען פיעלייכט טרעפען זאלען שטארבען פון הונגער; אבער הונדערטע און טויזענדע פון זיי, אונמעגליך! איך האב געזעהען די סטאטיסטיקס וועגען שטערבליכקייט; איך האב געזעהען די ליסטע פון קראנקהייטען; דארטען איז פאראן שווינדזוכט, לונגענענטציגדונג און אלע מינים אנדערע חולאת'ען; אבער איך האב קיינמאל ניט געזעהען הונגער פערשריעבען צווישען די אורזאכען פון טוידט." מענשען וועלכע האבען אזעלכע מיינונגען זיינען אין טעות, אין שטארקען טעות. א מענש קען שטארבען פון לאנגזאמען הונגער און זאל דאס אליין ניט וויסען. זיין מאגען מעג זיך זיין פול; ער האט פיעלייכט קיינמאל ניט געפיהלט די נאגונגען פון הונגער; און דאך קען ער שטארבען פון לאנגזאמען הונגער. אויב אין זומער איז א מענש ניט געהעריג געקליידעט, לאזט ער ארוים פון זיך מעהר היץ אלס זיין קערפער קען אויסהאלטען — ער שטארבט פון לאנגזאמען הונגער; אויב אין ווינטער איז ער ניט געקליידעט ווארם גענוג, פערצעהרט ער מעהר היץ אלס זיין קערפער קען ערפארדערן — ער שטארבט פון לאנגזאמען הונגער, זיין מאגען מעג זיך זיין פול, ער מעג זיך מיינען אז ער איז זאט אנגעגעסען, אבער אויב דאס וואס ער האט אין מאגען איז געפעלשטע עסענווארג, דאן געפינען ניט די ארגאניזמען וועלכע טראגען אוועק די נאהרונג פון דעם מאגען, און שפרייטען עס פערבאנדער דורך'ן קערפער, קיין נאהרונג פערנאנדערצוטראגען, אויף דעם פלאץ פון די כחות וואס זיינען פערברויכט געווארען ווערען קיין נייע ניט אריינגעבראכט — יענער מענש שטארבט פון לאנגזאמען הונגער. (אפלאדיסמענטען.) ער זעהט זיך ארום ווען עס איז שוין צו שפעט; יא, דאס בלייבט א סוד פאר איהם און זיינע פריינד אפילו דאן. ער פערקיהלט זיך; א געזונדער קערפער וועט אהן שוויעריגקייטען פטור ווערען דערפון; אבער זיין קערפער איז ניט געזונד; זיין קערפער איז לאנג אבגעשוואכט געווארען דורך לאנגזאמען הונגער; די קליינע פערקיהלונג לעגט איהם אוועק; דאס ענטוויקעלט זיך אין לונגענענטצינדונג; ער שטארבט; דער דאקטאר ערקלערט לונגענענטצינדונג אלס די „אורזאכע פון טויט" — אבער הונגער איז דאס געווען. (אפלאדיסמענטען.) און אזוי דורך דער גאנצער ליסטע פון שווינדזוכט, רומאטיזמוס, צוקערקראנקהייט און די מייסטע אנדערע קראנקהייטען, וועלכע קומען מיט פולער מאס אויף דער ארבייטערקלאסע דורך די „געהעכערטע שכירות" מיט וועלכע די קאפיטאליסטישע קלאסע איז מכבד די ארבייטער קלאסע. דאס איז אזוי ווייל

— נעהמט קיינמאָל ניט אראָב די אויגען פון דיזען פאקט — דאָס איז דיזעלבע קאפיטאליסטישע קלאסע וועלכע רעגו־לירט די שכירות, אויף איין זייט, און, אויף דער אנדער זייט, העכערט זי דעם קאָסט פון לעבענסמיטעל און פעלשט די סחורות וואָס זיינען נויטיג אום צו לע־בען, וועלכעס, ווי איהר האָט געזעהען, איז ניט מעהר אלס איין אנדער ארט פון העכערען פרייזען.

מיר זיינען פערטיג מיט דעם עדות. ער איז פעראורטיילט דורך זיינע אייגענע רייד. די לאגע פון דער ארבייטער קלאסע איז געגאנגען פון שלעכט צו ערגער. ניט דיעזער פעטער אָנקעל סעם, זאָנדערן יע־נער אויסגעדאָרטער נפש דאָרטען שטעלט פאָר דעם לאָהנארבייטער פון לאנד. (אפּלאָדיסמענטען.)

מאנכע זאָגען, און איך בין איינער פון יענע, דאָס פאך אָדער פיור ענד סימפּל יוניאָניזמוס האָט צוגעהאָלפען, יא, האָט אָנגעטריעבען דיעזע עלענדע צושטענדע. אנדערע, ווייס איך, טענה'ן דאָס דער פיור ענד סימפּל אָדער פאך יוניאָניזמוס דארף ניט געהאלטען ווערן פעראנטוואָרט־ליך; זיי טענה'ן דאָס, פערקעהרט, ווען ניט דער פיור ענד סימפּל יוניאָניזמוס, וואָלט די לאגע געווען נאָך ערגער. דיא־יעניגע, וועלכע זיינען מיט דער מיינונג ערקלערען דאָס אנשטאט געטאדעלט צו ווערען זאָל דער פיור ענד סימפּל יוניאָניז־מוס געלויבט ווערן פאר דאָס וואָס ער טוט. אפילו ווען מיר זאָלען אָננעהמען דיעזע, דעם גינסטיגסטען בליק וואָס איז מעגליך פון דער ארבייט פון פיור ענד סימפּלעריי, וועט אויסקומען דאָס פיור ענד סימפּלעריי איז, אם בעסטען, א ברעמזע (ברעיק) איינצוהאלטען דאָס אראָפּבארג לויפען פון דעם ארבייטער־וואָגען; עס וועט אויסקומען דאָס פיור ענד סימפּלעריי איז ניט נאָר גאנץ אונפעהיג צו בעפרייען די ארבייטער קלאסע, זאָנדערן איז אפילו ניט אימשטאנדע צו פערהיי־טען איהר אראָבזינקען; דאָס אלעס וואָס זי ענטהאלט איז זיך איז נאָר די פעהיג־קייט שוואכער צו מאכען אָדער פערקלע־נערען דעם זינקען. אפילו ווען מיר זאָ־לען אָננעהמען דיעזע העכסטע גינסטיגע מיינונג, וועט עס זיין איין ארגומענט די זאך אין גאנצען אוועקצוואַרפען. (אפּלאָדיסמענטען.) די אויפגאבע פון יוניאָניזמוס איז ניט צו שפּיעלען די ראָלע פון א הינטערוואכע פאר א בעזיגטער ארמעע, וועלכע איז ערצויגען געוואָרען אין ניעדערלאגע, צוגעוועהנט געוואָרען צו ניעדערלאגע, און פאסט נאָר פאר ניעדער־לאגע. די אויפגאבע פון יוניאָניזמוס איז צו אָרגאניזירען און מוסטירען די ארביי־טער קלאסע פאר ענדליכען זיעג — צו „נעהמען און האלטען" די מאשינען פון פּראָדוקציאָן, וועלכעס בעדייטעט די אד־מיניסטראציאָן פון לאנד. (אפּלאָדיסמענ־טען.) איך וועל אייך אָבער בעווייזען דאָס פיור ענד סימפּלעריי פערדיענט אי־בערהויפּט קיין קרעדיט פאר קיין זאך ניט. איך וועל בעווייזען אז זי איז דירעקט פעראָנטוואָרטליך פאָר די עקזיסטירענדע

צרות, אז זי איז א מיטהעלפעריז אין קאפיטאליסטישע פערברעכען, און איז געווארען א קאנטשיק פאר דער ארבייטער־קלאסע.

דאס ברענגט מיך צום צווייטען פון די דריי פונקטען פון דעם פריעמבל וועלכע איך האב געזאגט איך וועל מיט אייך בעשפרעכען. די לעצטע צוויי, ווי איך האב ערקלערט פון אנפאנג, דרעהען זיך ארום דעם ערסטען וועלכען איך האב ערשט ערקלערט.

## דער צווייטער פונקט.

דער צווייטער פונקט — איך וועל עס לייענען נאך א מאל — איז ווי פאלגט:

„די ארבייטערקלאסע און די ארבייטסגעבער קלאסע האבען קיין שום געמיינשאפטליכעס“.

אין איין פרט איז שוין דיזער פונקט בעוויזען דורך די ציפער אויף דיזען פאסטער, צוזאמען מיט די קלארע שליסע וועלכע זיי בריינגען ארויס. וואס עס זאלען ניט זיין די אינטערעסען פון א קלאסע וועמעס מעמד וואקסט שטענדיג העכער, און די אינטערעסען פון דער קלאסע וועמעס מעמד, און אלץ וואס הענגט אב אן דעם, זינקט אימער ניעדריגער, און איז א גלייכער מאס ווי דער אנדערער וואקסט, ווי דאס ווערט בעוויזען דורך דיזע ציפער — וואס דיזע צוויי סארטען אינטערעסען זאלען ניט זיין, *זיי קענען ניט האבען קיין שום געמיינשאפטליכעס*. די בעציהונגען צווישען דיזע צוויי סארטען אינטערעסען זיינען אפילו ניט די בעציהונגען פון צוויי, אבוואהל ענטגעגענגעזעצטע, דאך ערגענצענדע קרעפטען, אזעלכע ווי עס לערנט אונז די וויסענשאפט פון פיזיקע. זיי זיינען די בעציהונגען צווישען דעם וואמפיר און דעם קרבן, וועמעס בלוט ער זויגט — און אזעלכע בעציהונגען האבען זיכער קיין שום געמיינשאפטליכעס ניט. און איז דער אמת'ז, מענשען וועלכע שוואצען וועגען דעם „העלפען איינע דיא אנדערע“, דיא „ברידערליכקייט“, דיא „אינטערעסען־גלייכהייט“ פון דער קאפיטאליסטישער, אדער בעלי הבתים קלאסע, און דער ארבייטער קלאסע, פאדערן פון די ארבייטער עטוואס פאר וועלכעם זיי וואלטען אויסגעקלאפט די ביינער די אייגענע קינדער ווען יענע וואלטען געגלויבט אין אזא זאך. זיי ווילען פון אייך איהר זאלט גלויבען, אז עס איז מעגליך צו צוטיילען איין עפעל צווישען צוויי מענשען אויף אזא'ן אופן אז יעדער זאל בעקומען דעם גרעסטען חלק (געלעכטער.) איין אונמעגליכקייט! אויב דער ארבייטער פראדוצירט פיער דאלאר (בעוויזט מיט די פינגער פון זיין לינקער האנד) און דער קאפיטאליסט נעמט דערפון צוויי), בלייבט נאר איבער צוויי פאר דעם ארבייטער; ווען דער קאפיטאליסט נעהמט דריי פערבלייבט פאר דעם ארבייטער נאר איין דאלאר; אויב דער קאפיטאליסט נעמט צו 3 און אהאלב, פערבלייבט פאר דעם ארבייטער מעהר ניט ווי פופציג

סענט. פערקעהרט, ווען דער ארבייטער
האלט איין פאר זיך א גאנצען דאלאר,
ווערט דעם קאפיטאליסט׳ס חלק פערקלע־
נערט ביז צו דריי דאלאר; אויב דער אר־
בייטער געהט ווייטער און נעהמט פאר זיך
צוויי, בלייבט נאר איבער צוויי פאר דעם
קאפיטאליסט; זאלען די ארבייטער איינ־
האלטען דריי, וועט זיך דער קאפיטאליסט
מוזען בעגנוגענען מיט איינעם; און ווען
דער ארבייטער זאל „צוטיילען“ אויף
אזא׳ן אופן, אז ער זאל „נעהמען און האל־
טען“ אלעס וואס ער האט פראדוצירט,
וועט מיין קאפיטאליסט מוזען געהן צו
דער ארבייט. (געלעכטער און אפלאדיס־
מענטען.) אין אנדערע ווערטער, ער
וואלט אויפגעהערט צו זיין א קאפיאליסט־
נון, אלזא, די ציפער אויף דיזען פאס־
טער בעווייזען גאנץ קלאר דאס געזעץ וואס
ליגט אונטער דאס קאפיטאליסטישע סי־
סטעם פון פראדוקציאן. יענעם געזעץ
העלפט ניט דעם ארבייטער צו בעהאלטען
פאר זיך איין אימער גרעסערען חלק פון
זיין פראדוקט; עס העלפט, יא, עס
צווינגט דעם קאפיטאליסט שטענדיג צו
פערגרעסערען זיין פלינדעריי. זיין שטיק
מוז ווערען אימער דיקער, און אויף אזוי
פיעל מוז ווערען אימער דינער דעם אר־
בייטער׳ס המוציא. קיינע געמיינשאפט־
ליכע אינטערעסען זיינען אין דעם ניטא!
אויף ווי ווייט עס אנבעטריפט דיעזע זייט
פון דעם פונקט וואס איך האב ערסט גע־
לייענט, איז עס צו קלאר אום צו דארפען
ווייטערע בעווייזע. אבער פיעל מעהר זינן
און בעדייטונג, בעדייטונג און זין פון

פיעל וויכטיגערע און גרעסערע קראפט
ליעגט בעהאלטען אין דעם פונקט. דאס
איז דער אונפערמיידליכער פועל יוצא פון
דער פאלשקייט וועגען די האנד־אין־האנד
הצלחה פון קאפיטאליסטען און ארבייטער
דאס זייערע בעציהונגען זיינען געגענזיי־
טיגע (העי׳ איינער דעם אנדערען), און
דאס זיי שטעהען דארום אויף גלייכען
באדען. נאטירליך, אויב די צוויי לעבען
אזוי גוט צווישען זיך, מוזען זיי זיין איי־
נער דעם אנדערנס גלייכען, אפילו ווען מען
זאל צוגעבען דאס זייער גלייכהייט מעג זיך
זיין פון פערשיעדענע ראנגען. ארונטער
פון יענעם שורש פון פאלשקייט, וואס עס
קומט פון די קאפיטאליסטישע פראפעסא־
רען, פאליטישענס און גלחים, און איז מיט
חשק אריינגעטראגען אין די רייהען פון
דעם פיור ענד סימפל יוניאניזמוס דורך
די ארבייטער לייטענאנטען פון דער קא־
פיטאליסטישער קלאסע, קען מען נאכשפי־
רען א לאנגע ליניע פון געפעהרליכע און
אנשטעקענדיגע שקרים וואס שטאמען אב
פון יענעם שורש. דער ערשטער אבי־
השקר פון בשותפות׳סע הצלחה פון קא־
פיטאליסט און ארבייטער ברענגט אויף
דער וועלט דעם זוהן־ שקר פון דער גלייכ־
הייט פון ארבייטער און קאפיטאליסט;
דער זוהן שקר ברענגט אויף דער וועלט
דעם עניקעל שווינדעל פון „קאנטראק־
טען“; און איהר וועט זעהען ווי אזוי דער
אייניקעל שווינדעל פרוכפערט זיך און
מעהרט זיך צו דעם ארבייטער׳ס אונגליק.

וואס איז א „קאנטראקט“? איך וועל
איך ניט געבען קיין סאציאליסטישע פער־

טייטשונג פון דעם ווארט. דאס האט גאר נישט צו טאן מיט סאציאליזמוס. דאס איז א ווארט די בעדייטונג פון וועלכען איז אויסגעוואקסען צוזאמען מיט דער ערפאהרונג פון די מענשען. די פערטייטשונג וועלכע איך וועל געבען איז די פערטייטשונג פון געזעץ־בוך. דאס איז די פערטייטשונג וועלכע איז אנגענומען און בענוצט אין אלע געריכטען. א קאנטראקט איז איין אבמאך צווישען צוויי גלייכע צדדים; א קאנטראקט איז איין אבמאך צווישען צוויי גלייכע, מענשען; א קאנטראקט איז אן אבמאך צווישען צוויי פרייע מענשען. ווען ביידע צדדים צו א קאנטראקט קומען אונטער דיעזע קאטעגאריען, הייסט עס אז זיי זיינען ראוי אבצומאכען א קאנטראקט, און דאס דאקומענט איז גילטיג. ווען איז דאס וואס ווערט אנגערופען א קאנטראקט פעהלט אירגענד וועלכע פון דיעזע נויטיגע אייגענשאפטען, הויפטזעכליך ווען עס פעהלען אלע, איז די זאך ניט גילטיג, האט קיין ווערט און קיין ממשות; דאס איז א צייכען פון שווינדעל אין וועלכען יענער איז שולדיג וועלכער צווינגט דעם קאנטראקט ארויף אויף דעם אנדערען. לאמיר איך געבען א משל:

שטעלט איך פאר דאס א מינעאפאלים'ער אגענט פאר א לעקטשור־ביורא, וואס איז נייגיעריג צו האבען מיינע אונשעצבארע דינסטע אלס רעדנער פאר דיזען אבענד, האט געשריעבען צו מיר אין ניו יארק, אנפרעגענדיג מיינע בעדינגונגען; און שטעלט זיך פאר דאס איך האב געענטפערט אז איך וועל קומען פאר 500 דאלאר. ער וואלט געשריעבען צוריק און פערלאנגט אז איך זאל ארונטערלאזען א קלייניגקייט. איך וואלט געענטפערט. נאך א לאנגען דינגען זיך וואלטען מיר זיך געאייניגט אויף 400 דאלאר, און גלייך דארויף וואלט צוגעפערטיגט געווארען א דאקומענט וואס וואלט זיך געלעזען אונגעפעהר אזוי:

„דזשאהן דזשאונס, פארטיי פון דעם ערסטען צד, און דעניעל דע ליאן, פארטיי פון דעם צווייטען צד, האבען געגענזייטיג אבגעמאכט דאס דער צווייטער צד וועט האלטען א פארטראג אין מינעאפאליס אם צעהנטען יולי, און דער ערסטער צד וועט צאהלען דעם צווייטען צד פאר זיין ארבייט די סומא פון 400 דאלאר אין יונייטעד סטייטס געלד“.

ווען דיעזעס דאקומענט ווערט אונטערשריעבען איז עס א קאנטראקט. אויב איך בין געקומען אין דעם בעשטימטען טאג, האב אבגעליעפערט די סחורה, און דזשאהן דזשאונס האט מיר ניט בעצאהלט, וואלט איך געהאט גוטע גרינדע איהם צו פערקלאגען פאר ברעכען דעם קאנטראקט; פערקעהרט, וויעדער, אויב איך בין ניט געקומען, וואלט ער מיר געקאנט פערקלאגען און אויפמאהנען שאדענערזאץ פון מיר אויף דעם גרונד דאס איך האב געבראכען דעם קאנטראקט. וואס מענשען זאלען ניט דענקען פון מיין מקח, דער קאנטראקט איז גילטיג — ווארום? ווייל ער און איך זיינען ביידע געווען פריי אנצונעהמען אדער צוריקצואווייזען: קיינער פון אונזאיז ניט

געוועזן געצוואונגען דערצו: מיר זיינען ביידע געוועזן פ ר י י ע  צ ד ד י ם.

אבער יעצט, שטעלט זיך פאר דאס אנשטאט צו שרייבען, איז ער אראבגעקומען אין ניו יארק, איז אריינגעלאפען אין מיין אפיס, האט ארויסגעכאפט א פיסטאל פון זיין טאש, האט עם אנגעשטעלט איין אינטש ווייט פון מיין קאפ, און געזאגט: „שרייב דאס אונטער!“ אוועקלייגענדיג פאר מיר א בויגען פאפיער מיט פאלגענדען אינהאלט:

„דזשהן דזשאונס, פארטיי פון ערסטען צד, און דעניעל דע ליאן, פארטיי פון צווייטען צד, האבען געגענזייטיג אבגעמאכט און זיך פערבונדען ווי פאלגט: אז דער צווייטער צד זאל האלטען א פארטראג אין מינעאפאליס אם צעהנטען יולי, און דער ערסטער צד וועט צאהלען דעם צווייטען צד פאר זיין ארבייט די סומא פון פינף סענט, וועלכע סומא פון פינף סענט, דער צווייטער צד ערקלערט היערמיט אלס א גענוגע בעלאהנונג פאר זיין ארבייט, אויף דער דערמאהנטער סומא האט מען זיך געאייניגט נאך א פריינדליכע און געגענזייטיגע פערשטענדניס צווישען דעם ערסטען צד און דעם צווייטען צד.“ (געלעכטער.)

וואלט איך אונטערשריעבען? וואס הייסט, געוויס וואלט איך אונטערשריעבען! (געלעכטער.) איך וואלט אונטערשריעבען אויבען, אונטען, רעכטס, לינקס. (געלעכטער.) איך וואלט קיין מאל ניט אויפגעהערט צו אונטערשרייבען. (געלעכטער און אפלאדיסמענטען.) איך וואלט געהאלטען אין איין אונטערשרייבען ווי א „מואווינג פיקטשור“ (בעוועגענדעס בילד), ביז דער פיסטאל איז אוועקגענומען פון נעבען מיין שלייף. — ד א ס  א י ז  ד י  ל א ג ע  פ ו ן  ד ע ם  א ר ב י י ט ע ר  ו ו ע ן  ע ר  ש ר י י ב ט  א ו נ ט ע ר  „ק א נ ט ר א ק ט ע ן“. (לאנגע אפלאדיסמענטען.)

נו, יעצט, לאמיר זאגען דאס ער, דזשאהן דזשאונס, קומט צוריק נאך אינדיאנאפאליס מיט דעם „קאנטראקט“ אין זיין טאש, און מיט שטראהלען פון יושר און פאטריאטישער צופריעדענהייט אויף זיין געזיכט. ער דינגט א זאאל, דרוקט אב און טיילט אויס אפישען, בעקאנטמאכענדיג די פערזאמלונג און דעם אדרעס, און שטעלט אריין אדווערטייזמענטס אין די צייטונגען; לאמיר זאגען אז ער בעצאהלט אפילו די בילס, און נארט ניט אין דעם אויך. דער טאג פון דער פערזאמלונג, די שטונדע קומט אן — אבער ניט איך. דער זאאל ווערט אנגעפילט — אבער ניט מיט מיר. עס געהט אוועק א שטונדע נאך א שטונדע — ווער עס זאל דארטען ניט זיין, איך בין ניטא. דאס פובליקום שטורעמט איבער איהם; רופט איהם נעמען; פארדערט און קריעגט צוריק דאס איינטריטסגעלד. לאמיר זאגען דאס זייענדיג אויפגעבראכט דורך מיין „ברעכען דעם קאנטראקט“ וואלט דזשאהן דזשאונס אנגעפאנגען געגען מיר א פראצעס פאר שאדענערזאטץ. וואס וואלט דאן געווען? ער וואלט ארויסגעווארפען געווארען פון געריכט אלס א שווינדלער, ער וואלט פיעלייכט גאר גע'משפט גע־

ווארען פאר „אנגריף מיט דער כונה צו
טויטען.“ יענער קאנטראקט איז נול אהן
ווערטה און אהן ממשות; דאס איז א
בעוויז פון דעם שווינדעל און וועלכען ער
איז שולדיג; און דאס איז אלץ דער־
פאר ווייל איך בין ניט געווען פריי,
ווייל ער האט מיר געהאלטען אונטער
צוואנג. — פונקט אזוי איז עס
מיט דעם ארבייטער וועל־
כער שרייבט אונטער קאנ־
טראקטען; פונקט אזוי איז
עס מיט דעם קאפיטאליסט
וועלכער צווינגט זיי ארויס.
(געלעכטער.) דער ארבייטער שטעהט
ניט אויף א גלייכען פוס מיט דעם קאפי־
טאליסט; ער איז ניט ראוי צו מאכען א
קאנטראקט מיט דעם ארבייטסגעבער. דער
לעצטער האלט איבער איהם די בייטש פון
הונגער וואס דאס קאפיטאליסטישע סיסטעם
האט אריינגעגעבען אין די הענד פון דעם
בעל הבית, און דערמיט קען ער האלטען
זיין לאהנשקלאף אין מורא און אונטער־
וואָרפענהייט. צווישען זיך אליין, און
אפילו ווען זיי ריידען עפענטליך, ווען
דער כעס מאכט זיי אונפארזיכטיג, קומען
די פערטיידיגער פון קאפיטאליזמוס
ארויס מיט דעם פאקט אז „נור די בייטש
פון הונגער“ קען האלטען די ארבייטער
אין יאך. פאר דער וועלט און פאר׳ן גע־
ריכט זיינען די קאנטראקטען וואס דער
ארבייטער שרייבט אונטער נול, אהן
ווערטה און אהן ממשות. און דאך וואס
זעהען מיר? דער ספעקטאקעל איז גע־
ווארען אזא טעגליכע פאסירונג, אז דאס
האט אנגענומען דעם כאראקטער פון א
„סיסטעם“, א פארזיכטיג דורכגעפיהרטע
מאנעוורע, וועלכע עס בענוצען די אר־
בייטסגעבער צוזאמען מיט די ארבייטער־
לייטענאנטען צו פאראלאזירען די ארביי־
טערבעוועגונג; נאך ערגער, דאס איז
געווארען א פאסטקע אין וועלכער די אר־
בייטער ווערען איינציגווייז געכאפט.

דער עסק געהט צו אזוי. לאמיר זא־
גען אז איך בין איין אייזענבאהן־מאגנאט.
איך מאך מיינע קאנטראקטען ניט מיט
אלע מיינע ארבייטער צוזאמען, זאנדערן
מיט יעדען פאך בעזונדער, — און אין
וואס מעהר בעזונדערע פאכען די ארביי־
טער זאלען זיך צוגליעדערן אלץ בעסער
איז עס פאר מיר. אגב אורחא, וויל איך
איך אנווייזען אויף דעם פאקט דאס די
אמעריקאן פעדערײשאן אף לייבאר האלט
כסדר אין פערנאנדערגליעדערן איהרע
נאציאנאלע און אינטערנאציאנאלע
יוניאנס אין בעזונדערע פאכען. איהרע
פערטיידיגער זוכען צו מאכען א גרויסע
ווענע פון איינינגע אויסנאהמספעלע, כדי
צו מאכען גלויבען דאס „די א. פ. אף ל.
ווערט אליין אלץ מעהר אינדוסטריאליס־
טיש.“ די שטענדיג וואקסענדע מחלוקת
וועגען יורישדיקציאן (קאנטראלע פון
פערשיעדענע יוניאנס איבער איין פאך)
דערצעהלען א פונקט פערקעהרטע מעשה.
אין פערלויף פון מיין רעדע וועט פאר
אייך קלארגעמאכט ווערען די בעדייטונג
פון דער טענדענץ פון אבסאלוטער פאך־
אבזונדערונג וואס ווייזט זיך ארויס אזוי
דייטליך אין די א. פ. אף ל. אבער מיר

קעהרען זיך אום צו אונזער עניו. איך מאך אב מיין בעזונדער קאנטראקט מיט יעדען פון די בעזונדערע פאכען וואס זיינען בעשעפטיגט אין מיין אייזענבאהנליניע — און וויפיעל זיי זאלען ניט זיין וועט ניט זיין צופיעל פאר מיר. מיין קאנטראקט מיט די לאקאמאטיוו־ענזשינירען איז געמאכט ער זאל אויסגעהן, זאגען מיר, אם 15טען אפריל; מיין קאנטראקט מיט די סוויטשמען איז געמאכט ער זאל אויסגעהן אם 3טען סעפטעמבער; מיין קאנטראקט מיט די הייצער איז געמאכט ער זאל אויסגעהן, לאמיר זאגען, אם 21. יאנואר; מיין קאנטראקט מיט מיינע טריינמען, איז געמאכט ער זאל אויסגעהן, לאמיר זאגען, דעם 30טען נאוועמבער; — און אזוי כסדר דורך דער גאנצער ליניי פון אזוי פיעל פאכען אין וויפיעל דער פיור ענד סימפל יוניאניזמוס האט מיינע ארבייטער צושפאלטען, און אין וואס מעהר פאכען די ארבייטער זיינען צורשפאלטען אלץ בעסער פאר מיר. דורך דעם וואס יעדער בעזונדער פאך איז געבונדען דורך א בעזונדער קאנטראקט, וועלכער געהט אויס אין איין אנדער צייט, האב איך די אינדוסטריען אין מיינע הענד.

יא „קאנטראקט“ אדער ניט „קאנטראקט“, לאמיר זאגען דאס זייענדיג געצוואונגען דורך יענעם גרונדגעזעץ פון דער קאפיטאליסטישער ענדלאזער שרויף פון דריקעריי; יענעם עקאנאמישען געזעץ וואס ניט דער קאפיטאליסט און ניט זיין קלאסע קען בעהערשען; יענעם אונערבארמליכען עקאנאמישען געזעץ וואס דיקטירט זייער אויפפיהרונג און זייער קעמפפען איינער מיט דעם אנדערען, און וואס צווינגט די קאפיטאליסטען צו פערטייטשען דיזע קאנטראקטען ווי עס פאסט פאר זיי; — לאמיר זאגען דאס דורך יענעם געזעץ ווערען מיינע סוויטשמען געטריעבען צו רעבעליאן און סטרייק.

וואס טהו איך? איך טעלעפאניר צו מיינע הויפט ארבייטער־לייטענאנטען — די פרעזידענטען, גרענד טשיעפס און סעקרעטערע פון די נאציאנאלע יוניאנס — און, אין דערזעלבער צייט טו איך א דריק דעם קנעפעל, און עס פאנגט אן צו ארבייטען די פרעסע, די קאפיטאליסטישע בלעטער און די ארבייטער בלעטער, זאגענאנט, רעדאקטירט פון תלמידים פון די סיוויק פעדעריישאן. מיינע ארבייטער־לייטענאנטען קומען צו מיר אויף גיך צו לויפען פון אלע זייטען. דער געשריי איז דאן: „אויסוואורפען, זיי האבען געבראכען זייערע קאנטראקטען! סקאנדאליסטען, זיי האבען איבערטראטען זייערע הייליגע אגרימענטס!“ דאס און נאך אזעלכע געשרייען קומען פון דער פרעסע וועלכע איך האב אנגעשרויפט, און וועלכע מאכען אלע אלטע ווייבער פון ביידע געשלעכטער און פון יעדע עלטער קוקען מיט צארן און פעראכטונג אויף מיינע סטרייקענדע סוויטשמען, אזוי ווי זיי וואלטען געווען שלאנגען בעהאלטען אונטערן גראז. און מיט דיזעלבע געשרייען נעהמען זיך מיינע נאציאנאלע ארבייטער־לייטענאנטען צו דער ארבייט. זיי ווענ־

דען זיך ניט צו די ארבייטער וועלכע זיינען אם סטרייק: דיעזע קאנטראקט־ברעכענדע שופטען שטעהען ניעדריגער פון די פעראכטונג פון מיין בכבוד'ען ארבייטער־לייטענאנט. זיי רופען צו זיך די ארבייטער אין אנדערע אבטיילונגען — אינזשינערען, הייצער, קאנדוקטארען, א.ז.וו., — און מיט דער הילפע פון זייערע אונטערהעלפער, די לאקאלע (ארטיגע) פערפיהרער, ווענדען זיי זיך צו די ארבייטער בזה הלשון:

„קוקט אן יענע רשעים: זיי האבען געבראכען זייערע קאנטראקטען! עס איז א וואונדער וואס דער בליץ פון הימעל קומט ניט אראב און שלאגט זיי אניעדער. די ביינער פון די פאטריאטישע גרינדער פון דיעזער רעפובליק ווארפען זיך געוויס ארום אין זייערע קברים דערוויסענדיג זיך אז אזעלכע געזעצלאזע מענשען וואהנען אין דיעזען לאנד פון פרייהייט. קוקט זיי אן! זיי האבען געבראכען זייערע קאנטראקטען! געוויס וועט א י ה ר אזא זאך ניט טאן! געוויס וועט א י ה ר ניט זיין אזוי געמיין! געוויס וועט א י ה ר זיין טריי!" (געלעכטער און אפלאדיסמענטען.)

און די לייטע וועלכע ווערען אזוי אדרעסירט פערלעגען די הענד אויף זייערע בראווע הערצער, און טיעף פערבויגענדיג זיך פאר דער געטין פון קאנטראקט, וואס איז פאר זיי ארויסבעשווארען געווארען פאר דער געלעגענהייט, ענטפערן:

**„ניט מיר! מ י ר וועלען זיין טריי צו אונזער ווארט. מ י ר וועלען אכטען אונזערע אגרימענטס. מ י ר וועלען ניט ברעכען אונזערע הייליגע קאנטראקטען!"** (געלעכטער.)

און דאס, אין פראסטע ווערטער, הייסט — **„מיר וועלען סקעבען געגען אונזערע ברידער לאהנשקלאפען.** (לאנגע אפלאדיסמענטען.) און זיי טוען עס אויך! און אזוי האבען מיר געזעהען ווי יוניאן־לאקאמאטיוו־אינזשינערען סקעבען געגען יוניאן פייערמען, און יוניאן פייערמען סקעבען געגען יוניאן ברייקמען, און יוניאן ברייקמען סקעבען געגען יוניאן סוויטשמען, און אזוי כסדר; און מיר האבען געזעהען ווי זיי אלע צוזאמען סקעבען געגען יוניאן טראלימען און געגען אלערליי אנדערע יוניאנלייט וועלכע זיינען אם סטרייק, ענטוועדער דורך טראנספארטירען מיליץ און מיליטער צו צווינגען די ארבייטער זיך אונטערצוגעבען, אדער דורך אריבערפיהרען הונגריגע ארבייטסלאזע צו פערנעהמען די פלעצער פון די ארבייטער וואס זיינען ארויס סטרייקען. אזוי האבען מיר געזעהען יוניאן אייזענגיסער סקעבען געגען יוניאן מאשיניסטען; יוניאן מאשיניסטען סקעבען געגען יוניאן עלעווייטארפיהרער; יוניאן סיגארמייקערס געגען ווייטערס; יוניאן ווייטערס געגען ברויערס; יוניאן ברויערס געגען מאלץ־ארבייטער; יוניאן פוהרלייט געגען קארפענטערס; יוניאן ציעגעללעגער געגען שניידער; יוניאן מיינערס פון ווייכע קאהלען געגען מיינערס פון הארטע קאהלען, — און אזוי כסדר ביז צו דער לעצטער און קלענסטער טרייד יוניאן, און

אלע געגען יעדער איינציגער. (אפלאדיס־
מענטען.) עס איז א פאקט, אנז פון זעהר
גרוים בעדייטונג, אבוואהל דאס בלייבט
אונבעמערקט פון די אבערפלעכליכע בע־
אבאכטער, אז עס איז ניט דער ניט־
ארגאניזירטער סקעב וואס
ברעכט די סטרייקס, זאנדערן דער אר־
גאניזירטער פאך וואס טוט איז
דער אמת'ן די שמוציגע ארבייט (שטאר־
קע אפלאדיסמענטען). און אזוי זעהען
מיר דאס וועהרענד יעדער איינציגער פון
זיי, ווען ער איז אליין בעטייליגט איז א
סטרייק קעמפפט ווי א העלד, ווען זיי
זיינען אבער ניט אליין בעטייליגט, פיה־
רען זיי זיך אויף ווי געמיינע סקעבס.
(אפלאדיסמענטען); פערראטען זייער
קלאסע — אלץ איז פערריקטער פערגע־
טערונג פון „קאנטראקטען“! (שטארקע
אפלאדיסמענטען.) דא ניט לאנג האבען
מיר געזעהען א ברענענדיגען ביישפיעל
פון דיעזער שענדליכער האנדלונג איז דער
שטאדט ניו יארק. די אנגעשטעלטע אויף
בעלמאנט'ס אינטערבאראו ליניעז האבען
געסטרייקט פאר בעסערע בעדינגונגען.
גאמפערס מיט די אנדערע לאקייען פון
בעלמאנט'ס סיוויק פעדערײשאן, אונטער־
שטיצט פון די ארטיגע אונטער־לאקייען,
אזעלכע ווי מר. מארים בראון, פון גאמ־
פערסעס אינטערנײשאנאל סיגארמיי־
קערם יוניאן נו. 144, האבען פערשריען די
סטרייקענדע ארבייטער אלס קאנטראקט־
ברעכער, האבען פון זיי אוועקגענומען די
טשארטערם, ווייל די ארבייטער „זיינען
ניט ווערטה צו זיין יוניאן־לייט“, האבען
גלייך פראקלאמירט פאר בעלמאנט'ן דאס
„די ארבייטער האבען געהאנדעלט פאלש“,
און האבען איהם געבעטען רחמים ער זאל
מוחל זיין די זינדער. (שטימען: „שאנ־
דע!“)

נאך א פיעל ריהרענדער פאל איז גע־
ווען דער סטרייק פון די ניו יארקער צייי־
טונגס־אינגלאך, אויף וועמען הוירסט האט
געהעכערט דעם פרייז פון זיין צייטונג.
דיעזע קליינע נפשות'לאך, וועלכע, דורך
זייער אויסזעהען אליין שרייען אוים איז
די גאסען די אונבארמהערציגע גרויזאמ־
קייט פון קאפיטאליזמוס אפילו געגען דאס
הילפלאזע קינד; אבגעריסען, הונגעריג,
בארוועס, בערויבט פון די אונשולדיגע
קינדהייטס־פערגניגען, וואס זיינען אזוי
נויטיג אויפצוהאדעווען דעם צוקינפטיגען
מאן; צו פריה ארויסגענומען פון דער
שולע; גאנץ יונגערהייד געטריעבען צו
ניעדריגער תאוה און זינד; זיי זיינען
געהענדע, לויפענדע, שרייענדע מאנומענ־
טען פון קאפיטאליסטישער מענשענפרע־
סעריי. דיזע עלענדע קינדער זיינען גע־
קומען צו דער טיפאגראפיקאל יוניאן נומ.
6 און פון זיי געבעטען הילפע, הילפע פון
מענער, פיעלע פון וועלכע זיינען אליין
פאטערם, און ווען זיי וואלטען געסטרייקט
מיט די אינגלאך, וואלטען זיי זיכער גע־
האלפען זיעגען. האבען זיי דאס געטאן?

א שבועה, א שבועה, איך האב
א שבועה אין הימעל, זאל איך
טראגען דעם חטא פון פאלש
שווערען אויף מיין נשמה?

פרעגט דער אינטריגאנט אין שעקספיער. „א

קאנטראקט! א קאנטראקט! מיר האבען א קאנטראקט איז דער טאש פון אונזער בעל הבית הוירסט! זאלען מיר טראגען דעם חטא פון ברעכען דעם קאנטראקט אויף אונזער געוויסען?" האבען געפרעגט די טרייד יוניאן זעצער. געוויס וועלען זיי דאס ניט טאן! (געלעכטער און אפלאדיסמענטען.) זיי האבען בעשמוצט די אינגלאך מיט זייערע „סימפאטיען"; האבען זיי געשאנקען אלע זיסע ווערטער פון וועלכע מען קען קיין ביסען ברויט ניט קריגען — און די אינגלאך האבען זייער סטרייק פערלארען.

עס מוז דא צוגעגעבען ווערען, כאטש מיר דארפען אבטרעטען אביסעל פון ענין, דאס ווען מיט אונגעפעהר א יאהר שפעטער האט דיזעלבע טיפאגראפיקאל יוניאן געהאט איהר סטרייק געגען די „סאן", זיינען יענע דערוואקסענע מענער געפאלען אויף די קניע פאר דיזעלבע אינגלאך, וועמען זיי האבען איבערגעלאזען אין זומפ, און זיך ביי זיי געבעטען אום הילפע. לאז דער פאקט פערצייכענט ווערען אלס א בעוויז פון דער נאטירליכער נאבעלהייט פון דאס מענשליכע הארץ און צום כבוד פון קינדהייט — דאס אייביג־בענייענדע פערשפרעכען אז דאס מענשליכע געפיהל און מענשליכע אינסטינקט זאלען ניט פערשווינדען פון דער וועלט — דאס ווען מען האט צו זיי אפעלירט, האבען די אינגלאך בעצאהלט מיט א טובה פאר א רעה, און האבען געהאלפען די דרוקער פיהרען זייער קאמפף. (שטארקע אפלאדיסמענטען.) דאס איז געווען א ריינער אטעמצוג פון אינדוסטריאליזמוס.

און אין שיקאגא דא ניט לאנג, וואס האט זיך דארטען אבגעשפיעלט? מיר האבען געזעהען די קליידער־ארבייטער מוטיג, מיט די פאהנען אין דער הויך, מארשירען צום קאמפף. זיי האבען געקעמפפט בראוו און זיינען בעזיעגט געווארען. דאן האבען זיך די פוהרלייט גענומען צו די כלי זין און זיינען געקומען צו הילף צו די געשלאגענע קליידער ארבייטער. אויך זיי האבען געקעמפפט מיט די פערצווייפלונג פון העלדען, און האבען פערלארען. מעגליך דאס נאך זיי זאל א דריטע אבטיילונג פון ארבייטער ארויסטרעטען אים פעלד נקמה צו נעהמען פאר די פוהרלייט, נאכדעם ווי דיעזע זיינען בעקעמפפט געווארען אין זייער פערזוך נקמה צו נעהמען פאר די קליידער ארבייטער נאכדעם ווי זייער קאמפף איז פערלארען געגאנגען! — ווייסט איהר וואס עס וואלט פאסירט מיט דעם גענעראל, וועלכער האבענדיג פאר זיך דעם שונא פול צוגעגרייט צו דער מלחמה, אנשטאט צוזאמענצונעהמען אלע זיינע מחנות פאר דער שלאכט, וואלט געשיקט אפריהער איין קליינע אבטיילונג אויף דעם שלאכטפעלד; וואלט געווארט ביז יענע אבטיילונג איז פערניכטעט; וואלט דאן געשיקט א צווייטע קליינע אבטיילונג; וואלט ווידער געווארט ביז יענע איז פערניכטעט; און שיקען א דריטע, אויך אויסגעראטעט צו ווערען, ביז זיין גאנצע מעכטיגע ארמעע איז דעמאראליזירט און פעריאגט געווארען? ווייסט

איהר וואס מען וואלט געטהאן מיט יענעם גענעראל? מען וואלט איהם אנגעכאפט ביים קארק, גע׳משפט פאר א קריעגס־געריכט און געשאסען פון הינטען פאר פעררעט. איך בין ניט קיין נביא, אויך ניט א נביא׳ס א זוהן; דאך קוקענדיג אויף די פאקטען וועלכע דרענגען זיך ארויס צום פראנט, וואג איך צו ערקלערען אם דיעזען צעהנטען טאג אין יולי, 1905, אז דער טאג איז נאהענט ווען די ארבייטערקלאסע פון אמעריקא וועט ברענגען פאר׳ן קריעגס־געריכט די גאמפערסעס, די מיטשעלס, די סטאונסעס (שטארקע אפלאדיסמענטען) וועמעס פיהרערשאפט אפפערט אויף די ארבייטער ארמעע — און פער׳משפט׳ן זיי פאר פעררעט צו דער ארבייטערקלאסע. (שטארקע אפלאדיסמענטען).

אזוי געפינען מיר דאס פון דעם ערסטען שקר וועגען די געגענזייטיגע בעציהונגען (חבר׳שע הילפע דורך האבען גלייכע אינטערעסען) צווישען דער ארבייטסגעבער קלאסע און דער ארבייטער קלאסע, קומט ארויס א לאנגע שורה פון פאלשע פרינציפען, וועלכע ענדיגט זיך מיט פאראליזירען די ארבייטער קלאסע דורך „קאנטראקטען“ און די מאסע צרות וואס קומט דערפון. שקר קען נאר שאפען וויטערען שקר, און שקר ווערט געמעהרט דורך רשעות; פערקעהרט, וויעדער, איז רשעות אויך דאס קינד נאר פון שקר. אין דעם געביידע פון קאפיטאליסטישען געזעלשאפטס־סיסטעם האבען די ארבייטערקלאסע און די בעלי הבתים, אדער קאפיטאליסטענקלאסע גארנישט געמיינשאפטליכעס. דיעזער פרינציפ איז איין עמוד אש אויף דעם וועג פון די ארבייטער׳ס מארש צור בעפרייאונג; דער פערקעהרטער פרינציפ (פון חבר׳שאפט צווישען די צוויי קלאסען) איז א פאלשעס ליכט וואס פערפיהרט צו אונגליק. (אפלאדיסמענטען).

## דער דריטער פונקט

פון די דריי הויפטזעכליכע און כאראקטעריסטישע פונקטען אין דעם פריעמבל, איז דער לענגסטער פון די דריי; ער איז פון בעזונדערער וויכטיגקייט. איך מוז איך בעטען וויטער צו זיין אויפמערקזאם. (לייענט).

„צווישען דיעזע צוויי קלאסען מוז אנגעהן א קאמפף ביז אלע ארבייטער וועלען זיך פעראייניגען אויף דעם פאליטישען, אזוי גוט ווי אויף דעם אינדוסטריעלען פעלד, און וועלען איבערנעהמען און האלטען דאס, וואס זיי האבען פראדוצירט דורך זייער ארבייט דורך איין עקאנאמישע ארגאניזאציאן פון דער ארבייטער קלאסע, אהן פערבינדונג מיט אירגענד איין פאליטישע פארטיי“.

דיעזער פונקט ענטהאלט צוויי בעזונדערע געדאנקען, פעראייניגט אין צוויי בעזונדערע זעצע. די צוויי געדאנקען זיינען אזוי פערשיעדען — דער געדאנק פון די אבסאלוטע נויטווענדיגקייט פון פאליטישער איינגקייט און דער שיינבאר היפך׳דיגער געדאנק אז די עקאנאמישע ארגאניזאציאן אליין איז גענוג ענדליך צו צור־

רייסען די קייטען פון דעם לאַהנשקלאַף
— אז זיי מוזען בעהאַנדעלט ווערען בע־
זונדער.

## פּאָליטישע איינינקייט.

איך קען ניט זאָגען דאָס דער אינ־
דוסטריעלער בעוועגונג און איהר פּרי־
עמבל, אָדער פּרינציפּענערקלערונג גע־
הערט דער כבוד פון אָריגינאַליטעט
(ערסטקייט) איבער דעם פאַך יוניאָניזמוס
פאר דעם געדאַנק וואָס איז פאראַן איז
דעם זאַץ דאָס די ארבייטער מוזען „זיך
פעראייניגען אויף דעם פּאָליטישען, אזוי
גוט ווי אויף דעם אינדוסטריעלען פעלד“.
דער געדאַנק וואָס ליעגט איז דעם איז
דאָס פּאָליטיק איז איין אנגעלעגענהייט
פון יוניאָניזמוס. דאָס איז קיין נייער גע־
דאַנק. זאָנדערבאר ווי דאָס קען אויס־
זעהען ביים ערסטען בליק, איז דאָס א גע־
דאַנק וואָס דרינגט אויך דורך דעם פאַך
יוניאָניזמוס; נאָך זאָנדערבארער, דאָס
איז א געדאַנק פון וועלכען די ארבייטער־
לייטענאַנטען פון דער קאַפּיטאַליסטישער
קלאַסע, וועלכע זיינען די פיהרער פון דעם
פאַך אָדער פיור ענד סימפּל יוניאָניזמוס,
האָבען זיך געמאַכט פאר ספּעציעלע אפּע־
קונען. אין דיעזען פונקט ליעגט ניט די
מעלה פון אינדוסטריאַליזמוס און ארויס־
זאָגען א נייעם געדאַנק. די גרויסע מעלה
ליעגט אין ערקלען אָפען א פאַקט, וועלכער,
ווערענדיג געהאַלטען געהיים דורך די דער־
מאָהנטע ארבייטערלייטענאַנטען, האָט זיי
געגעבען די מעגליכקייט דאדורך צו פּראַ־
פיטירען אויף דער רעכנונג פון די מיט־
גליעדער. דאָס איז דער פאַל פון איין אפּע־
קון וועלכער באהאלט פון די יתומים
וואָס זיינען אונטער זיין השגחה די פער־
באָרגענע רייכטימער פון זייער גוט, און
שטילערהייט מאַכט ער אליין געשעפטען
מיט יענע רייכטימער. זעהר פיעל ליעגט
אין דעם גרינדליכען בעגריעף פון דיעזע
פאַקטען.

ווער פון אייך האָט ניט בייגעוואָהנט
די סצענע ווי איין ארבייטערפיהרער
שפּרינגט אויף אויף איין מיטינג פון א
פאַך יוניאָן, אזוי ווי א טאַרפּעדאָ וואָלט
געפּלאַצט אונטער איהם, יעדעם מאָל
ווען די עקאָנאָמיע אָדער סאָצאָלאָגיע פון
די ארבייטער איז ערקלערט געוואָרען?
אזא סצענע איז גאַנץ געוועהנליך. וואָס
פאר א פראגע עס זאָל ניט פאָרקומען פאר
דער יוניאָן, מוז זי בעשפּראָכען ווערען פון
איינעם פון די צוויי שטאַנדפּונקטען —
ענטוועדער פון דעם שטאַנדפּונקט פון קאַ־
פּיטאַליזמוס, אָדער פון דעם שטאַנדפּונקט
פון ארבייטער, דאָס הייסט, סאָציאַליסטי־
שע עקאָנאָמיע. געלאַסען, מיט א צופריע־
דענעם שמייכעל, פיעלייכט גאָר אין א
חיות’דיגען דרימעל, וועט דער לייבאָר
פייקיר זיצען אויף זיין פּלאַץ, אזוי לאַנג
ווי די דיסקוסיאָן ווערט געפיהרט פון דעם
קאַפּיטאַליסטישען שטאַנדפּונקט. אָבער
לאָז נאָר דאָס ערסטע וואָרט ארויסגערעדט
ווערען וואָס האָט דעם קלאַנג פון סאָציאַ־
ליסטישע, דאָס הייסט ארבייטער עקאָנאָ־
מיע, און איהר וועט זעהן א פּלוצלונגע ענ־
דערונג. ווי א טרייער היט־הונד פון קאַ־
פּיטאַליזמוס וועט דער פייקיר קנורען,

שפרינגען און בילען. איך האב דאס מעה־
רערע מאל בכיון אויסגעפרובירט אויף די
פערזאמלונגען פון פאך יוניאנס מיט וועל־
כע איך בין געווען פערבונדען. איך פלעג
זיך בעטייליגען אין א דיסקוסיאן וואס איז
אנגעפיהרט געווארען, פריעדליך אנגע־
פיהרט געווארען, דער פייקיר פלעגט זיך
גלייכגילטיג צוקוקען — דיסקוסיאנען וועג־
גען אימיגראציאן, דיסקוסיאנען וועגען
באיקאטס, דיסקוסיאנען וועגען שכירות,
דיסקוסיאנען וועגען טענעמענטס, דיסקו־
סיאנען וועגען האנדעל פון גייסטיגע גע־
טרענקע, א. ז. וו., א. ז. וו. איך פלעג
אויסמיידען דאס ווארט „פאליטיק“;
בכיון פלעג איך דאס אויסמיידען. דאס
ווארט „פאליטיק“, שוין ניט ריידענדיג פון
דעם נאמען „סאציאליסטישע ארבייטער
פארטיי“, פלעגט אויף מיינע ליפען ניט
ארויפקומען. אלס ווערטער זיינען זיי גע־
ווען פערבאטען, און זיינען מיר געווען
פרעמד ווען איך האב גערעדט. אבער,
זעהט נאר, אזוי באלד ווי איך האב נאר
מיינע ארגומענטען ארויסגעבראכט אזוי אז
עס זאל ארויסקומען דער ארבייטער, וועל־
כעס איז דער סאציאליסטישער, שטאנד־
פונקט אין דער פראגע, פלעגט אויפשפרינ־
גען דער היט־הונד פון קאפיטאליזמוס מיט
א פראטעסט: „קיין פאליטיק אין דער
יוניאן!“ (אפלאדיסמענטען). ער איז
געווען גערעכט; דאס הייסט, ארבייטער
אדער סאציאליסטישע עקאנאמיע איז
פאליטיק. א ו י ף ד ע מ ז ע ל ב ע ן
א ו פ ן א י ז ק א פ י ט א ל י ס ט י־
ש ע ע ק א נ א מ י ע א ו י ך פ א־
ל י ט י ק. (שטארקע אפלאדיסמענטען.)
קאפיטאליסטישע עקאנאמיע איז אין דער־
היים, קאפיטאליסטישע עקאנאמיע ווערט
ערלויבט, קאפיטאליסטישע עקאנאמיע
ווערט בעשיצט, יא פאר קאפיטאליסטישע
עקאנאמיע ווערט געקעמפפט אין דעם פאך
יוניאניזמוס — ווער וועט דען וואגען צו
לייקנען דאס פאליטיק א י ז א לעבעדיגער
פאקט אין דער יוניאן? אדער ווער וועט
דען וואגען צו לייקענען דאס דער ארביי־
טער לייטענאנט פון דער קאפיטאליסטי־
שער קלאסע איז דער ספעציעלער אב־
היטער פון יענעם אוצר? דאס איז בע־
וויזען. איבער דיזען ספעציעלען פונקט —
דעם פונקט דאס פאליטיק איז די אנגע־
לעגענהייט פון יוניאניזמוס — ערקלערט
דער אינדוסטריאליזמוס קיין נייעם פרינ־
ציפ, געווים ניט קיין פרינציפ וואס דער
פאך יוניאניזמוס זאל בעשטרייטען. אבער
גרוים איז די מעלה פון אינדוסטריאליז־
מוס אין די פאלגען וועלכע קומען פון דער
ערקלערונג. דורך דעם פאך־יוניאניזמוס
האלטען די היט־הינד פון דער קאפיטאלי־
סטישער קלאסע דעם אוצר אלס א סעק־
רעט פאר זייערע אייגענע נוצען. דיי־ך
עפענטליך פראקלאמירען דעם אוצר מאכט
עס דער אינדוסטריאליזמוס פאר קהל׳שען
אייגענטום. די פאלגען, וועלכע קומען דער־
פון בעצייכנען דאס צומאכען פון איין
אלטען און דאס אויפמאכען פון איין נייעם
בלאט. אויף דעם נייעם בלאט איז אויפגע־
שריעבען „פאליטישע אייניגקייט“. (אפלא־
דיסמענטען.)

עס איז ניט די פאליטישע ארגאניזאציאן

— ווי דער פריעמבל דייטעט אן און איך וועל בעווייזען — וואס קען „נעהמען און האלטען" דאס לאנד און דעם קאפיטאל (ארבייטסמיטלען) און די אוצרות וואס ליעגען אין זיי. דאס — ווי דער פריעמבל פראקלאמירט און איך וועל בעווייזען — איז איין אויפגאבע וואס דארף דורכגעפיהרט ווערען פון דער עקאנאמישער ארגאניזאציאן פון דער ארבייטער קלאסע. אבער די געזעלשאפט געהט פארווערטס פון שטופע צו שטופע, ניט דורך א רייהע פון חורבנות, זאנדערן דורך ענטוויקלונג. יעדער נייער געזעלשאפטליכער צושטאנד איז פערבונדען מיט דעם פריהערינגען. איידער דער נייער איז איינגעפיהרט און זיינע מעטאדען קריגען א קיום, איז מען געצוואונגען זיך צו בענוצען מיט די מעטאדען פון דער אלטער ארדנונג. זיי זיינען די נאבעל־שנורען פון דאס קינד וואס ווערט געבארען. די עוואלוציאן (ענטוויקלונג) פון דאס קאפיטאליסטישע סיסטעם צום סאציאליזמוס בעצייכענט א רעוואלוציאן פון ערסטען ראנג. די מעטאדען פון דער סאציאליסטישער רעפובליק וועלען זיין אזעלכע מעטאדען וואס וועלען ארויסוואקסען פון איהר אייגענעם מאטעריעלען בניין. דער לעצטער איז אזא היפך צו דעם קאפיטאליסטישען געזעלשאפטליכען בנין, אז מען קען צווישען די צוויי מעטאדען קיין פערגלייך ניט מאכען. די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט פארדערט דעם פאליטישען שטאאט; דארום ווערט איהר עקאנאמיע אויסגעדריקט דורך פאליטישע עיקרים; די סאציאליסטישע געזעלשאפט, אבער, וויים גארנשט פון דעם פאליטישען שטאאט; אין דער סאציאליסטישער געזעלשאפט איז דער שטאאט א זאך פון דער פערגאנגענהייט, ענטוועדער אבגעשטארבען דורך ניט בענוצט זיין, אדער אבגעשניטען — לויט ווי די אומשטענדען וועלען פארדערען. נאך אלעמען, איז סאציאליזמוס דער אויסוואוקס, די העכערע ענטוויקלונג, פון קאפיטאליזמוס. זייענדיג דאס, ווערען די מעטאדען פון דער סאציאליסטישער בעוועגונג אין איהר מארש צו דער סאציאליסטישער געזעלשאפט מיט געוואלט דיקטירט צום אלעם ערסטען דורך די קאפיטאליסטישע שאל פון וועלכער סאציאליזמוס ווערט ארויסענטוויקעלט. זעהענדיג דאס קאפיטאליסטישע עקאנאמיע דריקט זיך אוים אין פאליטיק, קען די סאציאליסטשע עקאנאמיע ניט אין גאנצען זיך אויסהיטען פון דעם פראצעס. א טייל, דער בעסערער, דער אויפבויענדיגער טייל פון סאציאליסטישע עקאנאמיע דריקט זיך אוים אין דער אינדוסטריעלער ארגאניזאציאן פון דער ארבייטער קלאסע: ער דריקט זיך אוים אין יענער געשטאלטונג וועלכע לעגט אוים די פארמע פון דאס צוקינפטיגע געזעלשאפטססיסטעם. נאך א טייל פון סאציאליסטישער עקאנאמיע, אבער, דריקט זיך אוים אונפערמיידליכערווייזע אין פאליטיק: ער איז געצוואונגען אנצונעהמען יענע פארמע וועלכע פאסט זיך צו צו קאפיטאליסטישע מעטאדען. אויף דיעזען פונקט קרייצט די סאציאליסטישע בעוועגונג שווערדען מיט דער מאדערנער הערשענדער קלאסע: די הערשער

**זוכען צו בעשיצען זייער פעסטונג**, די סאָציאַליסטישע בעוועגונג זוכט זיי צו פערטרייבען און צו פערניכטען זייער רויבערפעסטונג. (אפּלאָדיסמענטען).

דאָס איז דער פאַקט וואָס ליעגט אויף דעם גרונד פון דעם מארקסיסטישען פּרינציפּ דאָס די ארבייטער בעוועגונג איז איז וועזען פּאָליטיש. אין א לאַנד ווי אונזערע, וואו, אים איינקלאנג מיט דעם פול ענטוויקעלטען קאפּיטאליזמוס, דאָס וואהלרעכט איז אלגעמיין, ווערט דער אונפערמיידליכער פּאָליטישער כאראקטער פון דער ארבייטער בעוועגונג אלץ מעהר קענטיג.

דער זאַץ פון דעם פּריעמבל וועלכען מיר בעשפּרעכען יעצט, און וועלכער ערקלערט די נויטווענדיגקייט פון פּאָליטישער אזוי ווי פון אינדוסטריעלער אייניגקייט, איז בעגרינדעט אויף דיעזע פאַקטען. דאָרטען, צום ביישפּיעל, וואו איין גרופּע ארבייטער שטעלען זיך פאָר אז זיי דארפען פעראייניגען זייערע שטימען מיט זייערע פּרי טרייד ארבייטסגעבער, איז עס גאַנץ אויסער פראגע אז זיי זאָלען קענען זיין איינכ אויף דעם אינדוסטריעלען פעלד מיט איין אנדער גרופּע ארבייטער וועמעס עקאָנאָמישע אנזיכטען זיינען דאָס פּראָטעקשאָן פערזיכערט זיי ארבייט און בעסערע שכירות. דאָרטען, צום ביישפּיעל, וואו איין גרופּע ארבייטער האָבען דעם קאפּיטאליסטישען עקאָנאָמישען געדאנק, אז דער גאָלד־סטענדארד בעדייטעט גוטע וויידזשעס, קענען זיי באין אופן ניט זיין פעראייניגט אויף דעם פּאָליטישען פעלד מיט דיאיעניגע פון זייערע מיטשקלאפען וועמעס פּאָליטישע תורה וועגען פינאנצען לערנט דאָס א סך געלד בעדייטעט א סך שכירות. דיעזע צוויי גרופּען קענען ניט זיין אינדוסטריעל פעראייניגט, אזוי ווי זיי קענען ניט זיין פּאָליטיש פעראייניגט, צוליעב דער איינפאכער אורזאכע ווייל זיי שטעהען ניט אויף דעם באָדען פון קלאסענקאמפּף. שפּיערט נאָך זייערע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע מיינונגען ביז צו זייערע קוועלען און איהר וועט זעהען, אז די קוועלען זיינען גלייכע **— דער גרונד־טעות דאָס די לאַגע פון דעם אַרבייטער איז אבהענגיג אָן דער לאַגע פון דעם ארבייטסגעבער.** דאָס שעדליכע רעזולטאט פון דעם טעות איז קלאָר: די ארבייטסגעבער זיינען עקאָנאָמיש צוטיילט אין צאנקענדע, קאָנקורירענדע גרופּען; דארום, אויב די ארבייטער שלעפּען זיך נאָך נאָך זייערע ארבייטסגעבער, מוזען זיי אויך זיין אזוי צוטיילט. קלאסען־אונוויכענהייט צוואווארפט דארום די רייהען פון דער ארבייטערקלאסע. די צושפּאלטונג וואָס קומט פאָר אויף דעם אינדוסטריעלען פעלד רופט זיך אָב אויף דעם פּאָליטישען פעלד, און דאָרטען זעהען מיר די שטימען פון די ארבייטער אזוי צוואוואָרפען — אָבגעגעבען פאר די אלע פּאָליטישע פּארטייען אים פעלד, פון דעם אויפגעקלערטעסטען סאָציאַליסט ארונטער אפילו ביז צום אוטאָפּיסטישען פּראָהיבישיאָניסט. און אויף דער אנדער זייט, די צושפּאלטונג אויף דעם פּאָליטישען פעלד ווירקט צו־

ריק און פערשלימערט די צוריסענהייט אויף דעם אינדוסטריעלען פעלד, וואו, א דאנק די רואינירענדע טאקטיק פון פאך יוניאָניזמוס, זעהען מיר דעם ארבייטער'ס האנד אויף דעם ארבייטער'ס אייגענע האלז. (אפלאָדיסמענטען.)

און דאָ רופט זיך ביי מאנכע ארויס די פראגע אויב פּאָליטישע אייניגקייט קומט פון אינדוסטריעלע אייניגקייט, אָדער אינדוסטריעלע אייניגקייט פון פּאָליטישע אייניגקייט. אלס א פראגע פון ספעקולאטיווע פילאָזאָפיע איז דאָס ניט מעהר ווי א בטלנ'ישער פלפול. אין נאטירליכער פילאָזאָפיע קומט פאָר איין עהנליכע פראגע אין דער רעטענים: וואָס איז פריהער בעשאפען געוואָרען, די הון אָדער דאָס איי? איינער ענטפערט: „געווים די הון: אָהן דער הון איז ניטאָ קיין עוף וואָס זאָל לעגען דאָס איי“. איין אנדערער ערקלערט: „אונזין, דאָס איי האָט געמוזט זיין פריהער: „אָהן דאָס איי האָט ניט די הון פון וואנען אויסגעבריט צו ווערען. מיר ווייסען דאָס אין דעם פיזישען לעבען איז דאָס ענטוויקלונגס־פּראָצעס אזוי לאנגזאם, אז דאָס רעזולטאט ווירקט צוריק אויף דער אורזאכע אין אזא ענדלאָזער קייט, אז אין דער בעשרענקטער צייט פון דעם מענשענ'ס בעאָבאכטונג, איז די ריכטיגע צייכען־ליעניע ניט אימער צו דערקענען. אורזאכע און ווירקונג ווערען פערהעלטניסמעסיגע זאכען, אָפט אָבהענגיג אָן דעם ווי מען קוקט דאָרויף בשעת מעשה. אזוי איז עס אויך אין געזעלשאפטליכע זאכען. אלס איין אבסטראקטע פראגע איז עס פוסטע חקירה אויב פּאָליטישע קלאָהרהייט ברענגט עקאָנאָמישע קלאָהרהייט, אָדער, פערקעהרט, עקאָנאָמישע קלאָהרהייט בריינגט פּאָליטישע קלאָהרהייט: מיר ווייסען דאָס אויף געוויסע שטופען פון דער בעוועגונג קען פּאָליטישע קלאָהרהייט זיין פאָראויס פון אינדוסטריעלע קלאָהרהייט, און וועט ווירקען אויף דאָס לעצטע און זי העלפען; אזוי ווייסען מיר אויך דאָס אויף געוויכע אנדערע שטופען, איז ניטאָ קיין פּאָליטישע אייניגקייט, דארום איז אויך קיין פּאָליטישע קלאָהרהייט ניט מעגליך, אויסער אלס א רעזולטאט פון עקאָנאָמישע אייניגקייט, וועלכעס קען נאָר זיין ווען עס איז דאָ קלאָהרהייט. דעריעניגער וועלכער בעשעפטיגט זיך מיט האָדעווען עופות וועט קריגען די אייער פון וועלכע אויסצובריען די הינער; דעריעניגער וועלכער וויל האָבען אייער פאר'ן מארק וועט קריגען די הינער זיי צו לייגען; און דעריעניגער וועלכער וויל ביידע וועט פלאָדעווען ביידע; ער וועט ניט אוועקלעגען זיינע כחות און אויס'חקרה'נען וואָס איז געווען פריהער. דאָס איז די שטעלונג פון דעם פּריעמבל פון די אינדאָסטריעל וואָירקערס אָף דהי וואָירלד. עס אנערקענט די נויטווענדיגקייט אי פון דער פּאָליטישער אי פון דער אינדוסטריעלער אייניגקייט; עס פּראָקלאמירט דעם פאקט. און אין דעם פּריעמבל ווערט אויך ניט בעהאלטען די מיינונג וועגען דעם, וועלכע פון די צוויי, אויף דיעזער שטופע פון דער בעוועגונג, מוז קומען פריהער כדי צו מא־

כען די אנדערע מעגליך. די צוזאמענשטעלונג פון דעם זאץ וועלכען מיר בעשפּרעכען יעצט, פּראָקלאמירענדיג די נויטווענדיגקייט פון אחדות „אויף דעם פּאָליטישען פעלד, אזוי גוט ווי אויף דעם אינדוסטריעלען פעלד", ווייזט גענוג וועלכע פון די צוויי איינינגקייטען דער אינדוסטריאליזמוס בעטראכטעט אלס צוערסט נויטיג אויף דיזער שטופּע פון דער ארבייטער בעוועגונג אין אמעריקא. דער זאץ פּראָקלאמירט דעם פאקט, דאָס אויף דער שטופּע וועלכע די ארבייטער בעוועגונג אין אמעריקא האָט דערגרייכט, קען די פּאָליטישע אחדות פון דער ארבייטערקלאסע נאָר זיין די אָבשפּיעגלונג פון עקאָנאָמישע אחדות; דאָס פּראָקלאמירט אויך דעם פיעל בעדייטענדען פאקט דאָס די פּאָליטישע בעוועגונג איז דורכאויס די אָבשפּיעגלונג פון דער עקאָנאָמישער אָרגאניזאציאָן.

איין בריליאנטענער זאץ פון מארקס'עס ווערק „אכטצעהנטער ברומעיר", ווארפט א בריליאנטענעם זייטענליכט אויף דיזען ספּעציעלען פּונקט. ריידענדיג וועגען דאָס בענעהמען זיך פון די פּעאָדאלע לאָרדס אין ענגלאנד אין דער צייט פון דער ענגלישער רעוואָלוציאָן, זאָגט מארקס דאָס זיי האָבען געגלויבט דאָכ די ענגלישע קרוין און די ענגלישע קירכע זיינען געווען די זאכען וואָס האָבען ארויסגערופען זייער ענטוזיאזמוס, ביז די שטונדע פון געפאהר האָט זיי געצוואונגען זיך מודה צו זיין, אז די זאך פאר וועלכער זיי זיינען אין דער אמת'ן געוועזן ענטוזיאסטיש איז געווען לאַנד־רענט. און אזוי זעהען מיר ווי עס בענעהמען זיך יעצט די רעדאקטערע פון די צו פּריוואטהענד געהערענדע פּרעסע פון דער סאָשעליסט אָדער סאָשעל דעמאָקרעטיק פּארטי אים לאנד, וועלכע ווערט אָנגערופען אין דיזען סטייט פּאָבליק אָונערשיפּ פּארטי. זיי האָבען געגלויבט דאָס סאָציאליזמוס איז געווען די זאך פאר וואָס זיי זיינען געווען בעגייכטערט, ביז די שטונדע פון געפּאהר — דאָס ארויסלאָזען פון דעם שיקאגאָ'ער אינדוסטריאליסטען־מאניפעסט, און דאָס אָבהאלטען פון דער שיקאגאָ'ער קאָנווענשאָן—האָט זיי געצוואונגען זיך מודה צו זיין אז דאָס פאר וואָס זיי זיינען אין דער אמת'ן געוועזן בעגייסטערט איז געווען די פּלייש־טעפּ פון די אמעריקען פּעדערײשאָן אָף לייבאָר. (אפּלאָדיסמענטען.) פּאָליטישע איינינקייט איז דער קריעגסרוף פון אינדוסטריעלען יוניאָניזמוס.

## די ראָלע פון יוניאָניזמוס.

איך וועל יעצט איבערגעהען צום צווייטען, דעם לעצטען זאץ פון דעם דריטען פּונקט פון די דריי וואָס איך האָב בעשפּראָכען — דעם זאץ וועלכער ערקלערט די טעאָריע דאָכ די לעצטע, די ענדליכע טאט פון דער בעפרייאונג פון דער ארבייטער קלאסע מוזען די ארבייטער דורכפיהרען דערמיט וואָס זיי וועלען „איבערנעהמען און האלטען" דעם פּראָדוקט פון זייער ארבייט „דורך איין עקאָנאָמישע אָרגאניזאציאָן פון דער ארבייטערקלאסע, אָהן פערבינדונג מיט אירגענד איין פּאָליטישע פּארטיי." אין קיין לאַנד, אוי־

סער די יונייטעד סטייטס, האלט דיעזע
טעאָריע אוים; אין קיין לאנד, אויסער
אין די יונייטעד סטייטס, איז דיעזע טע־
אָריע פערנינפטיג. דאָס איז ניט פער־
נינפטיג און האלט ניט אוים אין קיין
לאנד, מיט דער מעגליכער אויסנאהמע פון
ענגלאנד, וויל קיין לאנד אויכער די יו־
נייטעד סטייטס האָט דערגרייכט יענע
שטופע פון פול־ענטוויקעלטען קאפיאליז־
מוס — עקאָנאָמיש, פאָליטיש און געזעל־
שאפטליך — וואָס די יונייטעד סטייטס
האָט דערגרייכט. אין אנדערע ווערטער,
קיין אנדער לאנד איז רייף (צייטיג) אָנ־
צוזאמען מיט איהרע „בראָדערהודס"
ציאָנערע טאקטיק. (אפלאָדיסמענטען.)
קיין וואונדער וואָס דיעזע טעאָריע האָט
צוטומעלט די מחות די אלע חכמים, די
כלומר'סטע מארקסיסטען אריינגערעכענט;
קיין וואונדער וואָס דאָכ האָט געמאכט
אלע פוסטע קעפ פון דער א. פ. אָף ל.
צוזאמען מי טאיהרע „בראָדערהודס"
אויסצודענקען און אויסצוקלערען דעם
„וויעדערשפרוך" פון צו פאָרדערן „פאָ־
ליטישע איינינקייט", און אין דערזעלבער
צייט פאָרצושלאָגען איבערצונעהמען און
האלטען די מאשינען פון פראָדוק־
ציאָן דורך איין עקאָנאָמישע אָרגאניזא־
ציאָן „אָהן פערבינדונג מיט אירגענד איין
פאָליטישער פארטיי." דיזער זאץ פון
דעם פריעמבל ענטהאלט בקיצור דאָס וואָס
קען אָנגערופען ווערען דאָס סיסטעם פון
מארקסיסטישע „טאקטיק", אלס בעזונ־
דערעס פון דעם סיכטעם פון מארסיסטי־
שע „עקאָנאָמיע"; דאָס סיסטעם פון

„קאמפף" אלס בעזונדערעס פון דעם
סיסטעם פון „טעאָריע". אלס א פועל
יוצא דערפון, גיט אונז דער זאץ א בע־
גריעף פון דער פאָרמע פון דער רעגיע־
רונגס אדמיניסטראציאָן פון דער ארביי־
טער רעפובליק. דאָס שליכט איין די
זעהר וויכטיגע פראגע פון דער ראָלע פון
יוניאָניזמוס. די פראגע ווערט אזוי ווייט
מיספערשטאנען, אז אויף איין זייט
זעהען מיר דעם „אינטעליגענט", שטענדיג
שפּאָטענדיג פון דעם יוניאָניזמוס, און
טענה'נענדיג ווי ער איז געוועהנט, פון
דעם שטאנדפונקט וואָס איז טיילווייז ריכ־
טיג און הויפטזעכליך פאלש, דאָס „די
יוניאָן איז איין פערבייגעהענדע אנ־
שטאלט", און עם לאָהנט ניט מיט דעם
זיך צו עסק'ען; און אויף דער אנדער
זייט איז דער „יוניאָניסט", זאָגענאנט,
מיט א פראקטישען אינסטינקט וואָכ זאָגט
איהם דאָס די יוניאָן איז ניט קיין „פאר־
בייגעהענדע אנשטאלט." דער לעצטער
בלאָדזשעט אריין אין דעם אבערגלויבען
פון פערגעטערען אלס „יוניאָניזמוס"
דאָס וואָס איז ניט מעהר אלס א קאפי־
טאליסטישע ערפינדונג, מיט דעם הכשר
פון „יוניאָן" כדי צו בעטריעגען, מיט דעם
צוועק צו פערשטעלען דעם וועג פון
אמת'ען יוניאָניזמוס. דער פריעמבל פון
די אינדאָסטריעל וואָירקערס אָף דהי
וואָירלד איז די ערסטע ערקלעהרונג אין
דער ווירקליכער פראקטיקע וואָס זעצט
פאָרט דיעזע פיעל זייטיגע פראגע. עס
איז גאנץ נאטירליך אז דיעזע פרי זאָל
זיך צוערסט אויסצייטיגען אויף דעם אמע־

ריקאנישען באָדען.

עס ליגט ניט אין א פּאָליטישע אָרגאַניזאַציאָן, דאָס הייסט, א פּאַרטיי, צו „נעהמען און האַלטען" די מאַשינערריי פון פּראָדוקציאָן. די „אורזאַכע" פאַר א פּאָליטישע פּאַרטיי און איהר „בנין" מאַכען זי אונפּאַסענד פאַר אַזאַ ארבייט. איך האָב דיזען פּונקט בעהאַנדעלט אין א רעדע וואָס איך האָב געהאַלטען לעצטעס יאָהר אין נויארק, נ. דזש., „די ברענענדע פראַגע פון טרייד יוניאָניזמוס". איך וועל דאָס יעצט בעשפּרעכען עטוואָס אויספיהרליכער.

די „אורזאַכע" פאַר א פּאָליטישער פּאַרטיי מאַכט זי אונפּאַסענד צו „נעהמען און האַלטען" די מאַשינעריי פון פּראָדוקציאָן. ווי איך האָב עס בעוויעזען ווען איך האָב בעשפּראָכען דעם ערסטען זאַץ פון דיזען פּונקט — דעם זאַץ וועלכער פאָדערט די נויטווענדיגקייט פון פּאָליטישע אייניגקייט — די „אורזאַכע" פאַר דער פּאָליטישער בעוועגונג דער קאַפּיטאַליסטישער בנין אין וועלכען די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן דארף טיילווייז אויפארבייטען איהר וועג. די רעגיערונגסאַדמיניסטראַציאָן פון קאַפּיטאַליזמוס איז דער שטאַאַט, די רעגיערונג גופא. דאָס איז ריין פּאָליטיש. די פּאָליטישע מאַכט, אין דער שפּראַכע פון מאַרקס, איז איינפאַך די אָרגאַניזירטע מאַכט פון דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַסע צו אונטערדריקען, צו שטערען, צו האַלטען די ארבייטער קלאַסע אין אונטערוואַרפונג. (אפּלאָדיסמענטען.) דער קאַפּיטאַליסטישער בנין אין וועלכען די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן דארף טיילווייז אויסארבייטען איהר וועג מאַכט נויטיג אויפצובויען איין אָרגאַניזאַציאָן וואָס זאָל ארויסרייסען די פּאָליטישע רויבער־פעסטונג פון די הענד פון דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַסע. די אורזאַכע פאַר דיזען ערסטען קאַמפּף ווייזט אויך אַז דעם ענדליכען ציעל — דאָס פערניכטען ביז צום גרונד די רויבערפעסטונג פון קאַפּיטאַליסטישע טיראַניי. די פאַבריקען, די מינען, די מילען, אין קורצען די מעכאַנישע פּראָדוקציאָנס־איינריכטונגען, וואָס געפינען זיך יעצט אין די הענד פון דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַסע — זיי דארפען אַלע „אוועקגענומען ווערען", ניט אום פערניכטעט צו ווערען, זאָנדערן אום זיי „צו האַלטען"; אום צו פערבעסערען און פערגרעסערען אַל־דאָס גוטע וואָס ליגט אין זיי, און וואָס דער קאַפּיטאַליזמוס אונטערדריקט; אין קורצען, מוז מען זיי „איבערנעהמען און האַלטען" כדי זיי צו רעטען פאַר דער ציוויליזאַציאָן. עס איז פּונקט דער היפּוך מיט דער „פּאָליטישער מאַכט". דאָס דארף איינגענומען ווערען מיט דעם צוועק עס צו פערניכטען. די סברה איז דאַרום מחייב אַז דער צוועק פון דער פּאָליטישער בעוועגונג פון די ארבייטער איז נאָר צו צושטערען.

לאָמיר אָננעהמען דאָס אין געוויסע וואָהלען זיעגט די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציאָן פון דער ארבייטער קלאַסע; און לאָמיר אָננעהמען דאָס דער זיעג איז אַזוי

הינרייסענד אז די קאפיטאליסטישע וואהל־בעאמטע ווערען איז גאנצען פערלארען, אז זיי ווילען ניט וועז זיי זאלען קענען, און קענען ניט וועז זיי זאלען וועלען, אונטערדריקען אונזערע שטימען; און לאמיר זיך פארשטעלען דאס פון פרעזידענט ארונטער ביז צום קאנגרעס און די איבריגע בעשיצונגען פון דער קאפיטאליסטישער רויבער־פעסטונג, ווערען אונזערע קאנדידאטען איינסטאלירט אין זייערע עמטער; — שטעלט זיך דאס פאר, וואס ווילען זיי האבען צו טאן? וואס זאלען זיי האבען צו טאן? איינפאך צו מאכען אסוף דערצו באלד אויפ'ן ארט, און זיך פערנאנדערצוגעהן. זייער ארבייט וועט זיין אבגעטאן דורך פערנאנדערגעהן זיך. די פאליטישע בעוועגונג פון די ארבייטער, וועלכע איז פאל פון זיעג וועט אנהאלטען איהר עקזיסטענץ איין רגע נאך דעם זיעג, וועט זיין א געוואלט־פערכאפונג. דאס וועט זיין ענטוועדער א געוואלט־פערכאפונג אדער א סיגנאל פאר א געזעלשאפטליכע קאטאסטראפע (אונגליק). דאס וועט זיין א סיגנאל פאר א געזעלשאפטליכע קאטאסטראפע ווען דער פאליטישער זיעג וועט ניט געפינען די ארבייטערקלאסע פון לאנד אינדוסטריעל ארגאניזירט, דאס הייסט, אין פולען בעזיץ פון די פראדוקציאנס און פערטיילונגס מיטלען, און פעהיג איבערצונעהמען און אנצופיהרען די פראדוקציאן פון לאנד. די קאטאסטראפע וועט זיין גלייך אויפ'ן ארט. ווען די מיטלען פון פראדוקציאן און פערטיילונג בלייבען אין קאפיטאליסטישע הענד ווערט די פראדוקציאן גלייך אבגעשטעלט. אויף דער אנדער זייט, אבער, ווען דער פאליטישער טריאומף געפינט יא די ארבייטערקלאסע אינדוסטריעל ארגאניזירט, דאן ווען די פאליטישע בעוועגונג זאל ווייטער עקזיסטירען וועט עס בעדייטען אז זי פערכאפט יענע מאכט וועלכע איהר אייגענער זיעג ערקלערט אז עס געהערט צו דער צענטראלער אדמיניסטראציאן פון דער אינדוסטריעלער ארגאניזאציאן. עס איז קלאר דאס די „אורזאכע“ פאר א פאליטישער בעוועגונג מאכט זי אונפאסענד צו „איבערנעהמען און האלטען“ די מאשינעריי פון פראדוקציאן. די פאליטישע בעוועגונג „בעוועגט זיך“ ניט צו די פאבריקען, זאנדערן צו דער רויבער־פעסטונג פון קאפיטאליזמוס — מיט דעם צוועק זי פערנאנדערצורייסען. (אפלאדיסמענטען.)

און יעצט וועגען דעם „בנין“ פון א פאליטישער פארטיי. קוקט טיעף אריין אין דעם, און איהר וועט איינזעהען דאס אויך דער בנין פון דער פאליטישער בעוועגונג מאכט זי אונפאסענד צו „איבערנעהמען און האלטען“ די מאשינעריע פון פראדוקציאן. די אונפעהיגקייט דערצו קומט אונפערמיידליכערווייזע פון דער „אורזאכע“ פאר פאליטיק. די „אורזאכע“ פאר א פאליטישער פארטיי, האבען מיר געזעהען, איז צו קעמפפען מיט דעם קאפיטאליזמוס אויף זיין אייגענעם ספעציעלען פעלד — דאס פעלד וואס בעשטימט דאס שיקזאל פון דער פאליטישער

מאכט. עס איז דארום נויטיג אז דאס געביידע פון א פאליטישער פארטיי זאל בעשטימט ווערען דורך דאס קאפיטאליסטישע רעגיערונגס־סיסטעם פון טעריטאריעלע (פלאץ) גרענצען — א סיסטעם וואס די סאציאליסטישע רעפובליק ווארפט פון זיך אראב אלס א הויט פון וועלכער די געזעלשאפט איז ארויסגעוואקסען, נעמט דעם קאנגרעס, אלס ביישפיעל, סיי דעם סענאט אדער רעפרעזענטאנטענהויז. די איינטיילונגען פאר פערטרעטונג אים קאנגרעס זיינען ריין פאליטישגעאגראפיש (פלעצער פעראנדערגעטיילט פאר פאליטישע צוועקען); בלויז לויט דעם ווילען פון די פלאנמאכער. די איינריכטונג פון דעם קאנגרעס־דיסטריקט שפיגעלט אב דעם צוועק פון קאפיטאליסטישען שטאאט — פאליטיש, דאס הייסט טיראניי פון איין קלאסע איבער דער אנדערער. דער געדאנק פון פראדוקציאן פעהלט גאנץ און גאר אין דעם קאנגרעס־פלאן. דאס קען ניט זיין אנדערס. דער קאנגרעס — ניט זייענדיג קיין צענטראלע אדמיניסטראציאן פון די פראדוקטיווע קרעפטען פון לאנד, זאנדערן איין ארגאניזירטע מאכט פון דער קאפיטאליסטישער קלאסע פאר אונטערדריקונג — קענען ז י י נ ע טיילען, די טיילען וועלכע שטעלען איהם צוזאמען, ניט האבען קיין סימן פון א צוועק צו פיהרען די פראדוקציאן. שוהמאכער, ציגעללייגער, מינענארבייטער, אייזענבאהנארבייטער, צוזאמען מיט די ארבייטער אין אלע אנדערע טיילען פון אינדוסטריען, זיינען דארום צוזאמענגעווארפען אין יעדען בעזונדערען קאנגרעס־דיסטריקט. דארום איז די פאליטישע ארגאניזאציאן פון די ארבייטער, וועמעס צוועק עס איז צו פערכאפען א קאנגרעס דיסטר. גאנץ אונפאסענד צו „איבערנעהמען און האלטען" די איינריכטונגען פון אינדוסטריע. די איינציגע ארגאניזאציאן וועלכע איז פאסענד דאפיר איז די ארגאניזאציאן פון די פערשיעדענע אינדוסטריען גופא — און זיי ווערען ניט בעשטימט דורך פאליטישע גרענצליניען: זיי ווילען ניט וויסען פון אזעלכע געצוואונגענע, איינגעבילדעטע ליניען. דאס צענטראלע אדמיניסטראטיווע ארגאן פון דער סאציאליסטישער רעפובליק זייענדיג פונקט דער היפוך פון דער צענטראלמאכט פון קאפיטאליזמוס, ניט זייענדיג די ארגאניזירטע מאכט פון א הערשענדער קלאסע פאר אונטערדריקונג, אין קורצען, ניט זייענדיג פאליטיש, זאנדערן אויסשליסליך צו פיהרען די פראדוצירענדע קרעפטען פון לאנד, וועלען ז י י נ ע טיילען די טיילען וועלכע שטעלען איהם צוזאמען, מוזען זיין אויסשליסליך אינדוסטריעל. די ארטילעריע קען העלפען די קאוואלעריע; די קאוואלעריע קען העלפען די אינפאנטעריע פון איין ארמעע אין עררייכען דעם ענדליכען זיעג; אבער אין איבערנעהמען און האלטען דער נאציאן'ס פראדוקציאנסמיטלען, קען די פאליטישע ארגאניזאציאן פון דער ארבייטערקלאסע גאר ניט העלפען. איהר אויפגאבע וועט זיין געענדיגט גלייך איידער עס וועט דורכגעפיהרט ווערען די לעצטע שלאכט

פון די בעפרייאונג פון די ארבייטער. די פארמע פון צענטראלע אויטאריטעט צו וועלכער די פאליטישע ארגאניזאציאן האט זיך געדארפט צופאסען און האט דארום געציעלט, וועט אויפהערען צו עקזיסטירען. אזוי ווי די אלטע הויט פאלט אוועק פון דער שלאנג, וועלכע ערשיינט באלד אין א נייע הויט, אזוי וועט דער פאליטישער שטאאט אוועקפאלען, און די געזעלשאפט וועט אין דערזעלבער צייט ערשיינען אין איהר פערוואלטענדען מאנטעל. די מינען, די אייזענבאהנען, די טעקסטייל, די בוי אינדוסטריען, און אלע אנדערע, יעדע פון דיעזע, ניט קוקענדיג אויף פריהעריגע פאליטישע גרענצען, וועלען זיין די טיילען וואס וועלען צוזאמענשטעלען די נייע צענטראלע אויטאריטעט פון וועלכע דער גריסט (ריסטאוואניע) איז אויפגעשטעלט געווארען אין שיקאגא. (אפלאדיסמענטען.) וואו דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון די אינדאסטריעל וואירקערס אף דהי וואירלד וועט זיצען דארטען וועט זיין דער נאציאנ׳ס הויפטשטאדט. (אפלאדיסמענטען.) ווי א לויזע קארטענשטיבעל וואס קינדער שטעלען אויף, וועלען די יעצטיגע קאפיטאליסטישע רעגיערונגען פון קאונטיס, סטייטס, יא, אפילו די שטאדט ביים טייך פאטאמאק גופא (וואשינגטאן), צוזאמענפאלען, זייערע פלעצער וועלען פערנומען ווערן דורך דער צענטראלער און די קלענערע פערוואלטונגסקערפערשאפטען פון דער נאציאנס אינדוסטריעלע מחנות. (אפלאדיסמענטען.) עס איז קלאר אז ניט דאס „געביידע" פון דער פ א ל י ט י ש ע ר בעוועגונג ,זאנדערן דאס געביידע פון דער עקאנאמישער בעוועגונג איז פאסענד פאר דער אויפגאבע, צו „איבערנעהמען און האלטען" די אינדוסטריעלע אדמיניסטראציאן פון דעם לאנד׳ס פראדוקציאנס־טעטיגקייט — די איינציגע זאך וואס איז ווערט צו „נעהמען און צו האלטען."

## דאס שטימצעטעל.

דער פריעמבל פון די אינדאסטריעל וואירקערס אף דהי וואירלד שטעלט אוועק אין זייערע ריכטיגע לאגען די פאליטישע בעוועגונג און די עקאנאמישע בעוועגונג פון די ארבייטער, און שטעלט זיי אויך אוועק אין ריכטיגע בעציהונגען איינע צו די אנדערע.

אונשעצבאר איז דער ווערט, בכבוד׳יג איז די שטעלונג פון דער פאליטישער בעוועגונג. דאס גיט די ארבייטערבעוועגונג א געלעגענהייט אויסצולופטען איהרע צוועקען, איהרע שטרעבונגען, און איהרע מעטאדען פריי, פון אויבען אויף, אים ליכט פון דער זון. ווען ניט דאס, וואלט איהר אגיטאציאן געהאט דעם כאראקטער פון זיין אבגעזונדערט און בעהאלטען. די פאליטישע בעוועגונג מאכט מעגליך די ארבייטער פראפאגאנדא זאל קענען צוקומען צו די מאסען; זי העבט אויף די ארבייטער בעוועגונג איבער די קאטעגאריע פון א „קאנספיראציע"; דאס ברענגט די בעוועגונג אים איינקלאנג מיט דעם גייסט פון דער צייט. דיעזער גייסט, אויף איין זייט, ערקלערט דאס „קאנספיראציע" האט

קיין מאכט אין אנגעלעגענהייטען וועלכע ניט נאר בעריהרען די מאסען, זאנדערן אין וועלכע די מאסען מוזען אליין זיין אינטעליגענטע טיילנעהמער. און, אויף דער אנדער זייט, פארדערט די פרייעסטע שפראכע. קורץ און גוט, פאליטישע בעוועגונג נויגט זיך צו די מעטאדען פון ציוויליזירטער דיסקוסיאן: זי גיט א געלעגענהייט פריעדליך צו לייזען די גרויסע קאמפפספראגע. דורך פראקלאמירען די נויטווענדיגקייט פון פאליטישע אזוי גוט ווי פון אינדוסטריעלע אייניגקייט, פראקלאמירט דער פריעמבל מיט פולער קראפט די קרובה'שאפט פון דער עקאנאמישער מיט דער פאליטישער בעוועגונג. אין דערזעלבער צייט, דורך ערקלערען אויסדריקליך אז דאס „נעהמען און האלטען“ איז א טאט וואס געהערט אין גאנצען צו דער עקאנאמישער ארגאניזאציאן האט דער פריעמבל זיכער געמאכט א געפעהרליכען שטרויכעל־ארט אין וועלכען אריינצופאלען איז א גרויסע געפאהר, די געפאהר פון מאכען די סאציאליסטישע, וועלכעס בעדייטעט די ארבייטער בעוועגונג, אילוזאריש( אייגנעבילדעט), און א בעקוועמען זאמלונגספלאץ פאר דעם „אינטעליגענטען“ ערברב פון דער בורזשוא געזעלשאפט.

דאס שטימצעטעל איז א וואפע פון ציוויליזאציאן, דאס שטימצעטעל איז א וואפע וואס קיין רעוואלוציאנערע בעוועגונג פון אונזער צייט קען איגנארירען, סיידען מיט איהר אייגענער געפאהר; דאס סאציאליסטישע שטימצעטעל איז דער צייכען פון רעכט. און גראד צוליעב דיעזער אורזאכע איז דאס סאציאליסטישע שטימצעטעל

שוואכער אלס א פרוי'ס טרערען,<br>
צאהמער אלס שלאף, נארישער אלס<br>
אונוויסענהייט,<br>
וויינינגער בראוו אלס די יונגפרוי אין<br>
דער נאכט,<br>
און אונערפאהרען ווי אונשולדיגע<br>
קינדהייט,

סיידען דאס האט הינטער זיך מאכט. (אפלאדיסמענטען.) דיזע נויטיגע מאכט ליעגט אין דער אינדוסטריעלער ארגאניזאציאן פון דער ארבייטערקלאסע. נון, פערשטעהט נאר, אין יענער מאכט נויטיגט זיך די ארבייטער בעוועגונג, אזוי פיעל, וואלט איך כמעט געזאגט, געגען די פאליטישע בעוועגונג וואס איהר אייגענע עקזיסטענץ שאפט, ווי געגען דעם קאפיטאליסטישען טיראן זעלבסט. זי דארף האבען יענע מאכט געגען דעם קאפיטאליסטישען טיראן כדי איהם אונשעדליך צו מאכען; זי דארף אויך האבען יענע מאכט צו פערמיידען די שלעכטע פאלגען, צו די געפאהר פון וועלכע די פאליטישע בעוועגונג איז אונפערמיידליכערווייזע אויסגעשטעלט אין דיזער קארופטער אטמאספערע פון דער בורזשוא געזעלשאפט. די צוויי פונקטען זיינען זעהר וויכטיג. זעהר פיעל, פיעל מעהר אלס עס שיינט ביים ערסטען בליק, ליעגט אין דעם:

טראץ דעם שטארק קענטיגען עקאנאמישען כאראקטערצוג פון דער ארבייטער־

בעוועגונג, איז דאָך דער פּרינציפּ, אַז זי
מוז אָננעהמען אויך א פּאָליטישע פאָרמע
בעגרינדעט ניט אויף א בלויז פּיינ־גע־
וועבטע טהעאָריע. אפילו ווען מען זאָל
אָבשוואכען די קראפט פון די סאָציאַלאָ־
גישע ארגומענטען וואָס איך האָב פאר
איך פּאָרגעלעגט, און וועלכע ווייזען אַז
אויף די אונפערמיידליכקייט פון דעם פּאָ־
ליטישען אויסדרוק פון דער ארבייטער בע־
וועגונג, איז פאראן איין אומשטאנד אויף
וועלכען איך האָב זיך ביז יעצט בעצויגען
נאָר פערבייגעהענדיג, און וועלכער, ווען
ער זאָל ריכטיג בעטראכטעט ווערען,
נעהמט אוועק פון דער פראגע אירגענד
וועלכען ספק. יענער אומשטאנד איז די
עקזיסטענץ פון אלגעמיינעם וואהלרעכט
אים לאנד. די אינסטיטוציאָן איז אזוי
איינגעוואקסען אין דעם קערפּער פון
פּאָלק אַז כאָטש דאָס איז געוואָרען א
שטארקע שטערונג פאר דעם קאפּיטא־
ליסט, וואגט ער דאָך ניט, טראָץ זיין
גרויסער מאכט, דאָס גלייך אָבצושאפען.
צווישען אזעלכע מענשען איז עס אונמעג־
ליך זיך פּאָרצושטעלען צו קענען אָנפיה־
רען א גרויסע בעוועגונג וועמעס פיהלבא־
רער צוועק איז א סאָציאַלע רעוואָלוציאָן,
מיט דעם קריעגסרוף: „ווייכט פון דעם
שטימקאסטען!" סיי די עקאָנאָמישע בע־
וועגונג וויל עס אָדער ניט, איהר פּאָליטי־
שע זייט וועט זיך מוזען ארויסווייזען אויף
דעם פּאָליטישען פעלד. מענשען פון איהרע
אייגענע רייהען, און מענשען פון אויסער־
האלב איהרע רייהען וועלען אויפהעבען די
פּאָהן פון ארבייטער פּאָליטיק . און דער
קאפּיטאליסט וועט ניט דורכלאָזען קיין
געלעגענהייט, לאסצענדיג זי, צו מאכען די
בעוועגונג אונשעדליך. אָבוואהל ער היט
זעהר פּאָרזיכטיג זיין פּאָליטישע פעס־
טונג, וועט ער פון דעסטוועגען אויסקלייי־
בען ,פון צייט צו צייט, איינעם פון די אר־
בייטער קאנדידאטען, אויף וועלכען ער
האָפט זיך צו קענען פערלאָזען, און איהם
ערלויבען אריינצוקומען ; אָדער, עס קען
טרעפען א מאָל דאָס ער זעהט זיך ניט
ארום, און מאנכער ארבייטער קאנדידאט
גנב'עט זיך דורך די פינגער פון זיינע וועכ־
טער ביים שטימקאסטען. זייענדיג אויס־
געזעצט צו די פערפיהרונגס מיטלען פון
דעם קאפּיטאליסט, גיבען זיך צו איהם
אונטער, אין די מייסטע פעלע, דיזע ער־
פּאָלגרייכע ארבייטער קאנדידאטען אין די
פּארלאמענטען פון קאפּיטאליזמוס. זיי
גיבען זיך אונטער ענטוועדער דורך זיי־
ערע אייגענע קאָרופּטע נשמות אָדער דורך
זייערע צוטומעלטע מחות. אין יעדען
פאל פערפיהרען זיי די ארבייטער קלאסע.
דאָס האָט זעהר א שעדליכע ווירקונג אויף
דער עקאָנאָמישער בעוועגונג. געגען דיזער
געפאהר איז פאראן נאָר איין שוצמיטעל
— די אינדוסטריעלע, דאָס הייסט, די
קלאסענבעוואוסטע עקאָנאָמישע אָרגאני־
זאציאָן צו האלטען דעם שטימצעטעל
אויפ'ן גלייכען וועג. קיין זאך אויסער
אזא עקאָנאָמישע אָרגאניזאציאָן וועט דאָס
פערהיטען, ווייל קיין זאך אויסער אזא
עקאָנאָמישע אָרגאניזאציאָן קען האלטען
שארף דעם ספּעציעלען שווערד וואָס
ווערט בענוצט דורך דער פּאָליטישער בע־

וועגונג פון די ארבייטער. וואס יענער
ספעציעלער שווערד איז האב איך פריהער
געוויזען. דאס איז נאר צו פ ע ר נ י כ ט ע ן.
די עקאנאמישע בעוועגונג קען נעהמען א
ביסעל אויף א מאהל. זי קען עס טאן,
ווייל איהר אויפגאבע איז אין גאנצען
„אוועקצונעהמען און צו האלטען“ אלע
פראדוקציאנסמיטלען, און זיי רעטען פאר
דער מענשליכער ראסע. די פאליטישע בע־
וועגונג, אבער, האט א גאנץ אנדער אויפ־
גאבע : איהר אויפגאבע איז אין גאנצען
ארונטערצורייסען די פאליטישע פעס־
טונג פון קאפיטאליסטישער טיראניי. די
פאליטישע בעוועגונג פון די ארבייטער
טאר דארום אפילו ניט האבען קיין שייכות
מיט דעם שיין פון קאמפראמיס. דאס
בעווייזט דעם רעוואלוציאנערען צוועק פון
דער ארבייטער בעוועגונג : זי מוז זיין
אהן־פשרה׳דיג רעוואלוציאנער. דיזער
פאקט ערקלערט ווי אזוי עס דארפען זיך
אויפפיהרען די ערפאלגרייכע פאליטישע
קאנדידאטען פון די ארבייטער אין די
פארלאמענטען פון קאפיטאליזמוס. דער
פרינציפ איז אויסגעדריקט געווארען דורך
די בעריהמטע ווערטער פון ווילהעלם
ליעבקנעכט, ווען ער איז נאך געווען אין
דער פולער קראפט פון זיינע סאציאליס־
טישע שטרעבונגען — „פארלאמענטירען
איז פאקטירען“, מאכען פשרות, שאכער־
מאכער, אויספערקויפען. (אפלאדיסמענ־
טען.) ווען, אין די שפעטערע יאהרען, האט
איהם די ערפאהרונג בעוויזען דעם אונ־
גליקליכען פאקט דאס די בורזשואזיע פון
דייטשלאנד האט נאך ניט געענדיגט איהר
אייגענע רעוואלוציאן ; ווען ער האט ענט־
דעקט דאס יענע רעוואלוציאן מוז צוערסט
געענדיגט ווערען, און אז עס איז ניטא
קיינער וואס זאל די ארבייט אונטערנעה־
מען אויסער די סאציאלדעמאקראטישע
בעוועגונג ; ווען יענע הארטע ווירקליכקייט
איז איהם און זיין בעוועגונג געקומען
ענטקעגען, האט ליעבקנעכט צוגעפאסט
זיין טאקטיק צו די אומשטענדען. צו
פארלאמענטירען איז די ריכטיגע טאק־
טיק מיט דער בורזשוא רעוואלוציאן ; —
און דאס איז פונקט די אורזאכע ווארום
אזא טאקטיק איז גאנץ אויסער פלאץ,
און א צייכען פון פערראט צו
דער ארבייטערקלאסע, ווען דאס
ווערט אנגעווענדעט אין אמעריקא.
(אפלאדיסמענטען.) אהן דער מ א כ ט
פון דער קלאסענבעוואוסטער עקאנאמי־
שער שטיצע פון דער פאליטישער בעווע־
גונג, וועלען די פאליטישע בעוועגונגען
וועלכע די ארבייטער בעוועגונג רופט אונ־
פערמיידליכר ווייזע ארוים אין אמעריקא,
ניט נאר ווערען צוטיילט, זאנדערן, אלס א
ווייטערעס רעזולטאט, וועלען ארויסרופען
יענע צוטומלונג פון געדאנקען וואס
פיהרט צו קארופציאן, און וואס, ווירקענ־
דיג צוריק אויף דער עקאנאמישער בעוועגונג, וועט אליין העלפען צו פערניכטען
איהר אייגענע ניצליכקייט. עס איז זי־
כער ניט קיין צופאל, דאס אהן אויס־
נאהמע, האבען אלע ארבייטער קאנדידא־
טען, וועלכע די קאפיטאליסטישע קלאסע
האט ערלויבט דורכצוגעהן דורך איהרע
וועכטער ביי די וואהלען — ווען נאר דאס

אמט צו וועלכען זיי זיינען ערוועהלט געווארען איז געוועזן פון וועלכער וויכטיגקייט — שטענדיג „פארלאמענטירט", דאס הייסט, „געשאכער־מאכערט", אין קורצען, האבען אויספערקויפט די רעוואלוציאן. מיר האבען געזעהען ווי דאס האט פאסירט אין די גלאנץ טעג פון די נייטס אף לייבאר; מיר האבען געזעהען ווי דאס האט פאסירט שפעטער אין הייווערהיל, אין בראקטאן, אין דער לעדזשיסלייטשור פון מעסעטשוזעטס, אין פעטערסאן, אין שיבאיגען; מיר זעהען ווי דאס קומט יעצט פאר אין מילוואקי. עס איז א פראגע פון זעלבסטרשוץ פאר דער עקאנאמישער ארגאניזאציאן צו היטען און קאנטראלירען די פאליטישע ארגאניזאציאן. אונערפאהרען ווי איין אונשולדיג קינד, א געפאהר פאר די ארבייטער זעלבסט, איז דער שווערד פון דעם ארבייטערס שטימצעטעל אהן דער מאכט פון דער עקאנאמישער ארגאניזאציאן צו שלייפען און שארפען דעם שווערד, און זעהען אז ער זאל בענוצט ווערען פאר דעם שונא׳ס קאפ, אויפצופאסען דארויף מיט דער געפאהר וואס ליעגט אין דעם פאר די צוטומעלטע מחות, די שוועבלינגע, די פעררעטהער. (אפלאדיסמענטען.)

## די אויפגאבע פון יוניאניזמוס.

יעצט בלייבט נאר איבער איין פונקט צו בעשפרעכען, און איך בין פערטיג. דאס איז דער פונקט וועגען די נויטווענדיגקייט פון דער אינדאסטריעלער ארגאניזאציאן מיט דעם צוועק צו אונטערשטיצען; דאס רעכט פון דעם שטימצעטעל מיט דער מאכט וואס איז נויטיג צו מאכען אונשעדליך די קאפיטאליסטישע קלאסע זעלבסט. דער פונקט ענטהאלט דאס וואס ווערט אלגעמיין, אבער פאלשערהייד, פערשטאנען אונטער דעם

## אלגעמיינעם סטרייק.

דאס איז דער אויסדרוק, וואס איז מיסברויכט געווארען דורך זיינע אייגענע פערטהיידיגער, וועלכע פלעגען ביז אהער שטעלען דעם וואגען פריהער פון פערד, און איז דארום שטארק מיספערשטאנען. אויף דעם פלאץ פון דיזען אויסדרוק זאל אוועקגעשטעלט ווערען דער ריכטיגער אויסדרוק פון דעם אלגעמיינעם לאק־אוט פון דער קאפיטאליסטישער קלאסע.

צו פאליטישע מאכט קען מען צוקומען דורך דעם שטימקאסטען. אבער דער שטימקאסטען איז ניט קיין אפענעם פעלד; דאס איז איין ענגער דורכגאנג. יענעם דורכגאנג האלטען די אגענטען פון דער קאפיטאליסטישער קלאסע. די וואהלאינספעקטארען און די שטימענצעהלער זיינען אנגעשטעלט פון דער קאפיטאליסטישער קלאסע; זיי זיינען אמת׳ע גארניזאנען מיט וועלכע די קאפיטאליסטישע קלאסע האלט דעם דורכגאנג. זיך פארצושטעלען דאס דיזע קאפיטאליסטישע גארניזאנען פון די וואהל־דורכגענגע וועלען גוטמוטיג ערלויבען גאנץ אונגעשטערט דורכצוגעהן די קאנדידאטען פון דער רעוואלוציאן, וועמעס פראגראם פאר־

דערט די פערניכטונג פון דער פאָליטישער פעסטונג פון קאפיטאליזמוס, הייסט זיך איינצורײידען פייגעלעך אין בוזים. די רעוואָלוציאָנערע שטימען פון די ארבייטער ווערען ארויסגעצעהלט (אונטערדריקט) יעצט; זיי זיינען ארויסגעצעהלט געוואָרען פון דעם ערסטען טאָג אָז וואָס זיי האָבען זיך בעוויעזען; זיי וועלען נאָך פיעל מעהר ארויסגעצעהלט ווערען אין דער צוקונפט. דיעזער פאקט ווערט פון מאנכע בעטראכט אלס גענוג בעווייז דאָס די פאָליטישע בעוועגונג איז פאָלשטענדיג נוצלאָז. דיאיעניגע וועלכע קומען צו אזא שלוס, מאכען א טעות דערמיט וואָס זיי זעהען ניט איין דאָס ריכטיגע שליסע קען מען ניט ציהען פון איינציגע פאקטען. מען קען זיי בעקומען נור דאן ווען מען בעטראכטעט אלע פאקטען אין דעם בעשטימטען פאל. וועהרענד די סאָציאליסטישע שטימען זיינען ארויסגעצעהלט געוואָרען, און מעגען זיך אויך ווייטער ווערען ארויסגעצעהלט, דאָס וואָס די פאָליטישע בעוועגונג טוט אויף וועלען אלע ארויסצעהלונגען ניט זיין אימשטאנדע צו בעקעמפפען. איינער קען זיך שפיעלען מיט דעם טערמאָמעטער, אבער ער קען זיך ניט שפיעלען מיט דער טעמפעראטור. לעגט צו א שטיקעל אייז צו די קוועקזילבער אין דעם טערמאָמעטער אין דיזען צימער וואָס איז פול מיט דערשטיקענדע היץ, די קוועקזילבער וועט ארונטערפאלען ביז אונטער נול, דאָך, די טעמפעראטור וועט בלייבען ביי פיעבער־היץ. לעגט צו א ברענענדע קויל צו די קוועקזילבער אין מיטען ווינטער, די קוועקזילבער וועט שטייגען ביז אויף פיעבער־היץ, דאָך, די טעמפעראטור פערבלייבט קאלט, אונגעענדערט. אזוי איז אויך מיט די וואהלבעריכטען. זיי זיינען דער פאָליטישער טהערמאָמעטער. (אפּלאָדיסמענטען.) די פאָליטישע פיקעטס פון דער קאפיטאליסטישער קלאסע מעגען זיך שפיעלען דערמיט וויפיעל זייער הארץ גלוסט — זיי וועלען ניט זיין אימשטאנדע צו ענדערען אויף דאָס מינדעסטע די פאָליטישע טעמפעראטור וואָס הערשט איבעראל. נון, אלזאָ, יענע פאָליטישע טעמפעראטור, צוליעב די אורזאכען וועלכע איך האָב שוין פריהער ערקלערט, איז הויפּטזעכליך דער פּראָדוקט פון דער פאָליטישער בעוועגונג פון די ארבייטער. (לאנגע אפּלאָדיסמענטען.) ווארט, איך האָב נאָך ניט בעוויעזען דעם פונקט. ער דארף נאָך פאָרטגעזעצט ווערען. עס קען נאָך אלץ געשטעלט ווערען די פראגע, און זי ווערט אויך געשטעלט, וואָס איז די פעולה פון די הייסעסטע פאָליטישע טעמפעראטורען, אז די קאפיטאליסטישע קלאסע האָט די מאכט דאָס צו פערניכטען דורך ארויסצעהלען אונז? דאָס קען האָבען א גרויסע פעולה; דאָ, אין אמעריקא, קען עס בעדייטען דאָס ערדייכען פון יענעם אידעאל וואָס איז אזוי טייער דעם סאָציאליסט — די פריעדליכע לעזונג פון דער סאָציאלער פראגע. טוט א קוק אויף אייראָפּא. דער פעאָדאלער גייסט הערשט נאָך דאָרטען אלץ אין איין

וויכטיגען הינזיכט, אלס א פאלגע דער־
פון וואס עס איז נאך פיעל פערבליעבען
פון די פעאדאלע אינסטיטוציאנען. אין
אייראפא איז אפילו די קאפיטאליסטישע
קלאסע פעאדאליזירט, ניט נאר די פער־
בליעבענע פעאדאלע פארשטעהער. אב־
וואהל ער איז שולדיג אין אלע פערברעכען
וואס מען קען זיך פארשטעלען, איז אבער
פאראן איין זינד פון וועלכער דער פעא־
דאלער פריץ איז טאטזעכליך אין גאנצען
פריי. יענע זינד איז פ י י ג ה י י ט. מיט
ליעדער פון טאפפערקייט ווערען זיי אין
זייערע וויעגען פערוויעגט; מיט מעשיות
פון בראוהייט זיינען זיי אויפגעהאדעוועט
געווארען; העלדענטאטען זיינען די אי־
דעאלען וואס ווערען פאר זיי אויפגע־
שטעלט. נעהמט אלס ביישפיעל דעם האלב־
פערריקטען, האלב־פערקריפעלטען קייזער
פון דייטשלאנד. ער וועט קעמפפען, וואס
עס זאל ניט זיין. אין אייראפא איז א
פריעדליכע לעזונג פון דער סאציאלער
פראגע אין גאנצען אויסער פראגע. אבער
ווי איז עס דא, אין אמעריקא? האט מען
מיט ליעדער פון טאפפערקייט געוויעגט
די וויעגען פון אונזערע קאפיטאליסטישע
הערשער? האט מען מיט מעשיות פון
נאבעלע בראוהייט זיי אויפגעהאדעוועט?
זיינען די אידעאלען וואס זיי האבען אויפ־
גענומען פון זייער היים־לעבען די אידעא־
לען פון מאנהאפטיגקייט? אין קורצען,
זיינען זיי געקומען צו זייער יעצטיגער לא־
גע דורך העלדענטהאטען? ניין! די
טאג־טעגליכע ערפאהרונג, בעשטעטיגט
דורך יעדע אונטערזוכונג וואס איין גרופע
קאפיטאליסטען מאכט געגען דער אנדע־
רער, דערצעהלט אונז דאס זיי זיינען גע־
קומען צו זייער יעצטיגער לאגע פון הער־
שער דורך ארייןלעגען זאמד אין אייער
צוקער, דורך וואסערען זייערע סטאקס,
דורך ארייןלעגען שאדדי (לומפענוואל)
אין אייערע קליידער, דורך גיסען וואסער
אין אייער סירופ, דורך ניט האלטען
ווארט, דורך געמאכטע באנקראטען און
געמאכטע שרפות, און קורצען דורך
ש ו ו י נ ד ע ל. (אפלאדיסמענטען.) טן,
און דער שווינדלער איז א פייגלינג. ווי א
פייגלינג וועט ער מאכען א גרויסען אנ־
שטעל, און מיר זעהען די קאפיטאליסטישע
קלאסע טוט עס, געגען דער שוואכער —
שוואכער ווייל ניט קיין ארגאניזירטע אר־
בייטערקלאסע. פאר די שטארקע קריכט
דער אנשטעלמאכער אויף אלע פיער. לאז
די פאליטישע טעמפעראטור שטייגען ביז
צו דעם פונקט פון געפאהר, דאן, טראץ
אלע זיינע קונצענמאכערייען מיט דעם
טערמאמעטער, וועט אייער קאפיטאליסט
ציטערען אין זיינע גע'גנב'עטע שטיוועל;
ער וועט ניט וואגען צו קעמפפען; ער וועט
ענטלויפען. (אפלאדיסמענטען.) וועניג־
סטענס ערווארט איך דאס ער וועט ענט־
לויפען. אבער ער וועט דאס ניט טאן,
סיידען הינטער יענעם שטימצעטעל וואס
האט אויפגעהויבען די פאליטישע טעמ־
פעראטור ביז צו פיעבער־היץ, איז די
מ א כ ט פון דער אינדוסטריעלער אר־
גאניזאציאן, אין פולען בעזיץ פון די אינ־
דוסטריעלע איינריכטונגען פון לאנד,
פעסט ארגאניזירט און איז דארום א י מ־

שטאנדע איבערצונעהמען די פיהרונג פון דער נאציאנס פראדוקציאן. די פאלשטענדיגע אינדוסטריעלע ארגאניזאציאן פון דער ארבייטערקלאסע וועט דאן האבען פערזיכערט דעם פריעדליכען שלום פון דעם קאמפף. אבער פיעללייכט וועט דער קאפיטאליסט ניט ענטלויפען. פיעלייכט, אין איין אנפאל פון כעס, וועט ער זיך שטעלען ענטגעגען, דעסטא ערגער — פאר איהם. די מאכט וועלכע ליעגט אין דער אינדוסטריעלער ארגאניזאציאן פון דער ארבייטער קלאסע פון לאנד, וועט זיין אימשטאנדע צו מאכען א קורצען סוף מיט דעם רעבעלירענדען געוואלטפערכאפער (שטארקע אפלאדיסמענטען) און בעשיצען דאס רעכט וואס דער שטימצעטעל האט פראקלאמירט.

די נוצלאזיגקייט פון דעם שטימצעטעל אליין, ווי זיעגרייך ער זאל ניט זיין, איז זעהר שלאגענד בעוויזען געווארען מיט ניין יאהר צוריק אין דער צייט פון דער ערסטער בריען קעמפיין. די פאליטישע טעמפעראטור געגען די פלוטאקראטישע הערשער פון לאנד איז געשטיעגען ביז צו א פונקט אז זיי האבען, אויף א מאמענט, בעטראכטעט דעם קאמפף ביים שטימקאסטען אים פאראוים אלס פערלוירען. דאס האט זיי אבער ניט אונרוהיג געמאכט. דורך זייער נאציאנאלען מונדשטיק מארק האננא, האבען זיי געסטראשעט איינצושטעלען די פראדוקציאן. אין אנדערע ווערטער, זיי האבען געסטראשעט צו געהן אם סטרייק. (געלעכטער.)

דאס איז ניט געוועזן קיין פוסטער סטראשונאק. זיי האבען דאס אויך געקאנט טאן. מען האט געוואוסט, אז זיי האבען דאס געקענט. קרעפט (פאך) יוניאניזמוס האט עס געמאכט פאר זיי מעגליך דאס צו קענען טאן. דער סטראשונאק האט געהאט זיין ווירקונג. אבער לאז דער קאפיטאליסט פערזוכען אונטער דעם דרוק פון דער פאליטישער טעמפעראטור וואס איז אויפגעהויבען געווארען דורך דעם שטימצעטעל פון די ארבייטער — לאז ער פערזוכען צו סטרייקען. זייענדיג אים בעזיץ פון דער מאכט וואס עס ליעגט אין דער אינדוסטריעלער ארגאניזאציאן פון זייער קלאסע, וועט די ארבייטערקלאסע גלייך אויפ'ן ארט אויסשליסען די קאפיטאליסטישע קלאסע. (שטארקע אפלאדיסמענטען.) אהן א פאליטישע ארגאניזאציאן קען די ארבייטערבעוועגונג ניט טריאומפירען; אהן איין עקאנאמישע ארגאניזאציאן, וועט דער טאג פון איהר פאליטישען זיעג זיין דער טאג פון איהר ניעדערלאגע.

אינדוסטריאליזמוס בעדייטעט מאכט. קרעפט־יוניאניזמוס בעדייטעט אונפעהיגקייט. אלע פראדוקציאנסאיינריכטונגען יא, אפילו די ריעזיגע אוצרות פאר'ן פערברויך, זיינען יעצט אין די הענד פון דער ארבייטערקלאסע. ארבייטער האבען אויפזיכט איבער די פאבריקען, די אייזענבאהנען, די מינען, אין קורצען, דאס גאנצע לאנד און די פראדוקציאנסמאשינעריי, און אויך זיי זיינען דיאיעניגע וועלכע זיצען אלס וואכטהינד פאר זייערע

שפּייזעשראנקען, די קעלערען און די אייזערנע קאסטענס פון דער קאפּיטאליסטישער קלאסע; יא, זיי זיינען דיאיעניגע וועלכע טראַגען די ביקסען אין די ארמעען. אבער דיעזע גינסטיגע לאגע איז אהן נוצען פאר זיי אונטער קרעפט־יוניאניזמוס. אונטער קרעפט־יוניאניזמוס געהט נור איין קרעפט (פאַך) אויף אמאל אין דעם שלאכטפעלד. דורך שטעהען גלייכגילטיג און צוקוקען סקעבען די אנדערע פאכען געגען דעם קעמפפענדען פאַך.

בעטראכטענדיג דאָס און אויך די רוהיג צוקוקענדיגע פון יענע אבטיילונגען פון די ארבייטער וועלכע פיהרען די ליפּעראנטס־אבטיילונג, אזוי צו זאָגען, פון דער קאפּיטאליסטישער קלאסע (דיאיעניגע ארבייטער, וועלכע זיינען בעשעפטיגט אין די שייערען, מאגאזינען, און אנדערע אבטיילונגען פון פּראָדוצירען, צוזאמענברענגען און פערנאנדערפיהרען עסענווארג און אנדערע לעבענסמיטלען) נעהמט דער קלאסענקאמפף אָן, אונטער קרעפט־יוניאָניזמוס, דאָס אויסזעהען פון קליינע אונרוהען אין וועלכע די לעדיגע מאָגענס און לעדיגע הענד פון דער ארבייטערקלאסע קעמפפען געגען די פולע מאָגענס און פולע הענד פון דער בעלי־הבתים־קלאכע. איז דאָס געוועזן אונוויסענהייט? איז דאָס געוועזן פערראטה? סיי דאָס איז געוועזן פערראטה אָדער אונוויסענהייט, מען האָט ענדליך דערגרייכט דעם סוף פון וועג. די יעצטיגע אויפפיהרונג פון קרעפט־יוניאָניזמוס און די צוקינפטיגע אויפפיהרונג פון אינדוסטריעלען יונאָנזמוס איז זעהר גוט ערקלערט געוואָרען פון איינעם פון די דעלעגאטען אויף דער שיקאגאָ'ער קאָנווענשאָן. אילוסטרירענדיג מיט די פינף פינגער פון זיין רעכטע האנד ווייט פערנאנדערגעשפּרייט, האָט ער געוויזען אז דאָס איז די לאגע פון דעם קרעפט אָדער אוטאָנאָמישען (פערנאנדערגעזונדערטען) יוניאָניזמוס — אָבגעטיילט איינע פון די אנדערע ווען עס קומט צו ווירקליכע ארבייט, און טויגען נור בענוצט צו ווערן אלס א פּאָכער, א פּאָכער וואָס האָט ביז אהער קיין זאך ניט געטאָן אויסער אוועקצוטרייבען די פליגען פון דעם געזיכט פון דער קאפּיטאליסטישער קלאכע (געלעכטער); און, ווייטער אילוסטרירענדיג, דורך צוזאמענדריקען זיינע פינף פינגער אין א שטארקען פויסט, האָט ער בעוויעזען די לאגע פון דעם אינדוסטריעלען יוניאָניזמוס — א שלאגענדער בעוויז, וועלכעס וואָלט געמאכט דאָס געזיכט פון דער קאפּיטאליסטישער קלאסע אויסזעהען גאנץ אנדערש ווי עס זעהט אוים ווען עס ווערט נאָר בלויז געפּאָכט. (לאנגע אפּלאָדיסמענטען.) די מאכטלאָזיגקייט מיט וועלכע דאָס רעכט פון דער ארבייטערקלאכע פלעגט ביז אהער ווערען צושמעטערט, וועט יעצט אָרגאניזירט ווערען אין אַ מאַכט, אָהן וועלכער יענעס רעכט איז נאָר א שפּאס. דער סיגנאל פאר יענער אָרגאניזאציאָן איז געגעבען געוואָרען לעצטע וואָך אויף דער קאָנווענשאָן פון די אינדאָסטריעל וואָירקערס אָף דהי וואָירלד; און דאָס וואָרט

איז אויסגעגאנגען, ווי דאָס האָט געקענט ארויסגעהן פון קיין אנדער לאַנד אויסער אמעריקא, אין א שפּראכע וואָס פּאַסט פאַר אונזער פול־אויסגעוואַקסענע קאַפּיטאַליסטישע ענטוויקלונג —

„פעראייניגט זיך! פעראייניגט זיך אויף דעם עקאָנאָמישען פעלד אויף דער איינציגער באַזיס אויף וועלכער עקאָנאָמישע איינינקייט איז מעגליך — די באַזיס פון דער סאָלידאַריטעט פון דער ארבייטער קלאַסע, דער איינציגער סאָלידער פאַקט, וועלכער מאַכט אויך מעגליך פּאָליטישע איינינקייט! פעראייניגט זיך! פעראייניגט זיך אויף דעם איינציגען עקאָנאָמישען פּרינציפּ וואָס איז אימשטאַנדע צו אונטערשטיצען דאָס רעכט פון דעם ארבייטער'ס שטימצעטעל מיט די מאַכט דאָס דורכצוזעצען! פעראייניגט זיך פאַר דעם אלגעמיינעם סטרייק ביים שטימקאַסטען, אומצוואַרפען די פּאָליטישע רויבערפעסטונג פון קאַפּיטאַליזמוס, אונטערשטיצט פון דעם אלגעמיינעם סטרייק, אָדער בעסער געזאָגט, דעם אלגעמיינעם לאָק־אויט פון דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַסע פון די אינדוסטריעלע פעלדער, וואָס זי האָט פערכאַפּט. פעראייניגט זיך פאַר די בעפרייאונג פון דער ארבייטער קלאַסע, און צו ראַטעווען די ציוויליזאַציאָן פון א קאַטאַסטראָפע!" (שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטען.)

---

## פראַגען.

### נומ. 1.

**פראַגע.** — גלויבט איהר ניט דאָס די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסע וועט זוכען ניט צו דערלאָזען אז די אינדאָסטריעל וואָירקערס אָף דהי וואָירלד זאָל וואַקסען דאַדורך וואָס זי וועט פאָרדערן פון יעדען ארבייטער א געשוואָרענעם אפידייוויט, אז ער איז ניט קיין מיטגליעד פון יענער אָרגאַנזאַציאָן?

אַנטוואָרט. — זיי וועלען דאָס פּיעלייכט פּרובירען, אָבער וועלען גאָרנישט אויספירען. איך האָב אייך געוויזען אז דער „קאָנטראַקט" וואָס מען האָט מיר געצוואונגען צו אונטערשרייבען האַלטענדיג א פּיסטאָל נעבען מיין קאָפּ איז געווען ווערטלאָז. דאָס איז געווען ווערטלאָז, ווייל ניט איך, זאָנדערן דער פּיסטאָל האָט אונטערשריעבען דעם קאָנטראַקט. אזוי אויך מיט אזעלכע אפידייוויטס. ניט דער ארבייטער וועט שווערען, זאָנדערן די הונגער־בייטש וואָס וועט ווערען געהאַלטען איבער זיין קאָפּ. די בייטש האָט געגעבען די שבועה, לאָז זי די בייטש האַלטען. (געלעכטער און אַפּלאָדיסמענטען.)

### נומ. 2.

פראַגע. — ווען איך זאָל אריינטרעטען אין דער נייער יוניאָן, וועלען מיר די בעאמטע פון מיין אָרגאַניזאַציאָן גלייך ארויסוואַרפען פון דער ארבייט. וואָס איז צו טאָן?

אַנטוואָרט. — טומ א קוק אויף רוסלאַנד. דאָס אויפשטעהן פון איינציגע ווערט גלייך אונטערדריקט. די זיכערהייט פון דעם איינציגען ליגט אין א מאַסען־

אויפשטאנד. די טיראניי פון די גרויס־פירסטען פון די א. פ. אָף ל. און עהנ־ליכע קרעפטע אָרגאניזאציאָנען קען פער־ניכטעט ווערען נאָר דורך מאסענאויפ־שטענדע געגען זיי. אזא כוואלענשטורם פון רעבעליאָן געגען די ארבייטער לייטע־נאנטען פון דער קאפיטאליסטישער קלא־סע ענטוויקעלט זיך יעצט, און וועט באלד ארויף אויף זייערע קעפּ. (אפלאָדיסמענ־טען.)

# ע נ ד ע.

## Books by Daniel De Leon

WHAT MEANS THIS STRIKE?
An exposition of the capitalist system of production in the light of Socialist Science. Paper ....................5 cts.

REFORM OR REVOLUTION.
An exposition of the fallacy of "reforms" so far as the interests of the working class are concerned. Paper..........5 cts.

## Translations by Daniel De Leon

THE EIGHTEENTH BRUMAIRE OF LOUIS BONAPARTE. By Karl Marx.
Translated from the German. Paper..25 cts.

THE WORKING CLASS. By Karl Kautsky.
Translated from the German. Paper....5 cts.

THE CAPITALIST CLASS. By Karl Kautsky.
Translated from the German. Paper....5 cts.

THE CLASS STRUGGLE. By Karl Kautsky.
Translated from the German. Paper....5 cts.

THE SOCIALIST REPUBLIC. By Karl Kautsky.
Translated from the German. Paper....5 cts

NEW YORK LABOR NEWS COMPANY,

# INDUSTRIAL UNIONISM

## Two Great Speeches

by capable exponents
of the New Unionism.

INDUSTRIAL UNIONISM ORGANIZES THE WORKERS ON THE BASIS OF THE SOLIDARITY OF THE WORKING CLASS, AS OPPOSED TO THE OLD STYLE CRAFT UNIONISM WHICH DIVIDES THE WORKING CLASS.

### Address by EUGENE V. DEBS,

delivered at Grand Central Palace, New York
December 10th, 1905.

IN PAMPHLET FORM, 5 CENTS EACH.

### Address by DANIEL DE LEON,

delivered at Union Temple, Minneapolis, Minn.
July 10th, 1905.

IN PAMPHLET FORM, 5 CENTS EACH.

*Send 10 Cents for These Two Pamphlets.*

### New York Labor News Co.,

2-6 New Reade Street, New York City.

# Trades Unionism in the United States

A pamphlet by Justus Ebert, New York City, which gives an historical glimpse of the development of the principles and spirit of American trades unionism, from the earliest times to the present day. The object of the pamphlet is set forth in the following "Foreword," at the beginning of its pages:

"The question of trades unionism is one of great importance. The organizations of men employed at trades figure largely in the economics and politics of the day. Their principles and control have become a matter of tremendous social significance. This applies not only to the present forms of society, but those of the future as well. Trade unions are either the bulwarks of capitalism or the rudimentary framework of Socialism.

"A question so pregnant with significance is worthy of study. Emerson says: 'Man is explicable by nothing else than all his history.' So with trades unionism. The best study of trades unionism in the United States is all of its history. It will be the object of this paper to furnish a glimpse of this history in order that interest in the study of American trades unionism may be stimulated and the extent of its profundity realized. As the word implies, the glimpse will necessarily be brief, including in its sweep only typical instances of progress, both upward and downward."

The student desiring a concise statement of the underlying principles and spirit of the Knights of Labor, the American Federation of Labor, the Socialist Trade and Labor Alliance, and the American Labor Union will find them in this pamphlet. Price 5 cents.

**PRICE 5 CENTS.**

## New York Labor News Co.

**2, 4 & 6 New Reade Street,**

**New York City.**

# *The Burning Question of TRADES UNIONISM.*

*A lecture delivered at Newark, N. J.,*

by Daniel De Leon

**Editor of the Daily People, the official organ of the Socialist Labor Party.**

Trades Unionism is one of the methods by which the exploited class of to-day—the working class—seeks to resist or minimize the power of the exploiter. The author goes into a searching analysis of trades unionism and shows how the mistakes incurred by tradesunionists lead to the nullification of their efforts at redress. Correct tactics are set forth. No student of Socialism but must be familiar with the trade union movement, therefore this book should be read.

PAPER, 5 CENTS.

*New York Labor News Co.*

*2-6 New Reade Street,*

*New York, N. Y.*

# WHAT MEANS THIS STRIKE?

By DANIEL DE LEON.

"What Means This Strike?" is an address delivered before the striking textile workers of New Bedford, Mass. It is the best thing extant with which to begin the study of Socialism. The strike is used as an object lesson to show the nature of capitalist society. The development of the capitalist is clearly given, showing why it is that the capitalist class is able to live in idleness and luxury while the working class rots in poverty and toil.

CONTENTS.—Whence Do Wages Come, and Whence Profits—The Capitalist System of Production—Nature of the "Work" Performed by the Capitalist—Mechanism of the Stock Corporation—Nature of the "Work" Performed by the "Directors" of Stock Corporations—"Original Accumulation" —How the Capitalist in General Gets His Capital—How Levi P. Morton Got His Capital—The Class Struggle—Nature of the Conflict Between the Working Class and the Capitalist Class—Development of Capitalist Society—Development of the Strike—How the Capitalists Rob Inventors—How the Capitalist Uses Machinery to Rob and Subjugate the Working Class—Why the Modern Strike Is Usually a Failure—Principles of the Organization the Working Class Must Have to Fight Successfully the Capitalist Class—Weaknesses of "Pure and Simple" Trade Unions—Career of Samuel Gompers —There Will Be No Safety for the Working Class Until It Wrenches the Government from the Capitalist Class, Abolishes the Wages System of Slavery, and Unfurls the Banner of the Socialist Republic.

**Single Copies, 5 Cents; 100 Copies,**

---

# REFORM OR REVOLUTION.

By DANIEL DE LEON.

The Reformer is everywhere. The Populists, the Single Taxers, and the Bryanites, all claim to be losing sleep over their desire to *Reform* society, and when the Socialist avers that he would not turn over his hand for all the reforms their versatile imaginations have ever conceived, the Reformer says he cannot understand Socialist logic. The Reform craze has struck a good many workingmen, who would otherwise be doing valiant work for the Socialist Republic. "Reform or Revolution" is intended to aid in landing such people on the bedrock of Socialism. It is an address delivered by Daniel DeLeon, the key-note being the desire to show the difference between Reform and Revolution, and to demonstrate that the Working Class can get nothing out of Reforms.

CONTENTS.—Reform—Revolution—Difference Between Reform and Revolution—Government—The State—Development of Government from the Days of Savagery—Development of the Tool of Production—Origin of the Classes—The Capitalist State Appears—Nature of the "Government" Demanded by the Socialist Revolution—Materialism and Morality—Cannibalism —Chattel Slavery—Wage Slavery—The Class Struggle—Difference Between the Nationalization of Industries Demanded by the Reformers and the Nationalization Demanded by the Socialists—Difference Between the Reformer and the Revolutionist—Fake Movements: Knights of Labor, American Federation of Labor, the Single Tax, Populism—Why the Socialist Labor Party Heads the Column of the Militant Proletariat.

**Single Copies, 5 Cents; 100 Copies,**

# New York Labor News Company,

## 2 to 6 New Reade St., New York.

# SOCIALISM.

**By WILLIAM SCHOLL M'CLURE.**

It would be very instructive, as well as entertaining, if a complete classification could be made of those who "object" to the zeal and energy displayed by modern Socialists in their propaganda of Socialism. The reformer objects to the Revolution—he wants to go by degrees; and the reformer is easily disposed of. Then comes the "good for evil" gentleman—he does not like the class struggle; and the Socialists can soon settle him. But when it comes to the pessimist, the man who knows what Socialism demands, believes the Socialist Republic would be justice personified, and yet blinks his eyes and says it is all very nice to think about, but that the remoteness of its realization should place the Socialist Republic outside the consideration of reasoning beings—when one meets that kind of a man, one must have tactics that will suit the occasion. It will not do much good to argue with him, but if one can persuade him to purchase a book that treats of his particular case, one may be able to set his brain matter going. Such a book is "Socialism." The object of the book is to scientifically demonstrate the propositions contained in the following paragraph:

> *"Socialism is coming. It is useless to oppose it. One might as well fight the tides. The progress of economic evolution cannot be stopped. Capitalism is but its latest phase. Born yesterday, to-morrow it must pass away. To Socialism belongs the future."*

Mr. McClure begins his book by briefly tracing the condition of the working class from 1200 down to 1890. Then he treats the following subjects in a manner that is genuinely Socialist:

CONTENTS.

Effect of Machinery on the Working Class.
Anomalous Features of Capitalist Society.
1. Permanent Army of the Unemployed.
2. Growing Employment of Women and Children.
3. Overproduction.
Genesis of Capitalist Property:
1. Means of Production Owned by the Producer.
2. Means of Production Owned by the Capitalist.
Socialism:
1. Socialism and the "Division of Wealth."
2. Socialism and Its Use of "Capital."
3. Socialism and Governmental Tyranny.
4. Socialism and Utopianism.
5. Socialism and Labor Legislation.
6. Socialism and the Class Struggle.
7. Socialism Inevitable.

"Socialism" is a good follower for "What Means This Strike?" and "Reform or Revolution."

**Single Copies, 5 Cents; 100 Copies,**

**NEW YORK LABOR NEWS CO.,**

**2 to 6 New Reade Street, New York City.**

// THE DAILY PEOPLE.

The attention of all workingmen is called to the *Daily People.* It was established on July 1, 1900, by the Socialist Labor Party. Since then it has been doing valiant battle for the working class and the Socialist Republic.

**THE DAILY PEOPLE IS THE ONLY ENGLISH SOCIALIST DAILY PAPER IN THE WORLD.** ● ● ● ●

It is the property of the Socialist Labor Party, and is the organ of the militant working class of America. It is

**OWNED BY WORKINGMEN.**
**EDITED BY WORKINGMEN.**
**SUPPORTED BY WORKINGMEN.**

The mission of the *Daily People is* to educate the working class in the principles of Socialism to that point where they will march to the ballot box as a class, annihilate the capitalist system of production, with its idle capitalist class on the one hand and its starving working class on the other, and proclaim

**THE SOCIALIST REPUBLIC,**

a republic in which those who wish to live by their own labor shall have abundant opportunity to live, while those who wish to live on the labor of others, as the capitalists and their parasites live to-day, shall be given the same option the capitalists now give the working class—the option to

**GO TO WORK OR STARVE.**

Every workingman and all other honest citizens should read the *Daily People.* Capitalism is tottering to its grave. The banner of the Social Revolution is already unfurled. The forces of Capitalism and the forces of Socialism are lining up, and when the time comes for the

**FINAL TEST OF STRENGTH,**

the working class must be educated, organized, and disciplined. Educated, organized, and disciplined, nothing can keep them from victory. The *Daily People* is this educating, organizing, and disciplining force. Every workingman and all other honest citizens should read it.

Subscription price—One year, $3.50; six months, $2; three months, $1; one month, 40 cents. Sample copies free.

THE DAILY PEOPLE,

**Nos. 2 to 6 New Reade Street, New York City.**

# THE WEEKLY PEOPLE

is a paper that the intelligent workingman cannot get along without. It is owned by the Socialist Labor Party, and is used by that Party as a weapon to smite from power the capitalist class, abolish the capitalist system of production, and with the mighty voice of the

**WORKING CLASS PROCLAIM ● ● ●**
**● ● ● THE SOCIALIST REPUBLIC.**

The *Weekly People* contains the cream of all that appears in the *Daily People.* Its editorials puncture the sham questions raised by capitalist papers and capitalist politicians to confuse the working class. It devotes special attention to those kindred foes of the working class,

**THE CAPITALIST AND THE LABOR FAKIR.**

Its correspondence columns contain interesting contributions from workingmen from all over the country, and give a good indication of the growth of the revolutionary spirit in the working class.

Do you wish to know why it is that the

*VANDERBILTS AND ROCKEFELLERS CAN IDLE AWAY THEIR TIME IN YACHTS AND PALACE CARS WHILE THE WORKINGMEN WHO SLAVE IN THEIR FACTORIES AND MINES VEGETATE IN POVERTY?*

You will find the question answered in the *Weekly People.* Do you wish to know how "useful" the capitalist is? You will find the question answered in the *Weekly People.* Do you wish to know what a bona fide Trade Union should be? You will find the question answered in the *Weekly People.* In short, if you wish to know how the

**WORKING CLASS CAN ABOLISH WAGE SLAVERY,**

you should read the *Weekly People.* If you are not a Socialist, it will make you one. If you are a Socialist, it will put you in touch with the organized Socialist Movement.

Subscription Price—50 cents a year; 25 cents for six months; 15 cents for three months. Sample copies free.

# THE WEEKLY PEOPLE,

**Nos. 2 to 6 New Reade Street, New York City**

THE

# WORKING CLASS.

**By KARL KAUTSKY.**

**Translated from the German and Adapted to America by DANIEL DE LEON.**

"The Working Class" is the first of the "Kautsky Pamphlets." The history and growth of the Working Class and the effect of the capitalist system of production on the Working Class are vividly portrayed. The effect of machinery, the appearance of the army of the unemployed, the growth of woman and child labor, and many other topics of vital interest to the proletariat are interestingly discussed. The book should be followed by "The Capitalist Class."

CONTENTS.

CHAPTER I. *Effect of Machinery.*—Capitalist Production Increases the Number of the Proletariat—Proletarian Labor the Source of Capitalist Profit—How Machinery Lowers the Condition of the Working Class.

CHAPTER II.—*Wages.*—Size of the Surplus Appropriated by the Capitalist Class—Influences That Tend to Raise and Lower Wages—Machinery Enables the Capitalist Class to Exploit Women and Children.

CHAPTER III.—*Dissolution of the Proletarian Family.*—Woman Labor in Industry Destroys the Family Life of the Proletarian—Capitalist Class Endeavoring to Abolish the Family.

CHAPTER IV.—*Prostitution.*—Capitalist System of Production Promotes Prostitution—Under Capitalism, Prostitution Is a Pillar of Society.

CHAPTER V.—*Early Days of the Wage-Working Proletariat.*—Condition of the Working Class During the Early Days of Capitalism—The Working Proletariat Originally Is Merged with the Slums.

CHAPTER VI.—*The Uplifting of the Working Proletariat.*—Contrasts Between the Slums and the Working Proletariat—Why the Working Class Hates and Despises the Rich—Capitalist Class Unconsciously Trains the Working Class in the Methods Required for the Overthrow of Capitalism—Contrasts in the Solidarity of the Workers Under Feudalism and Under Capitalism—Under Capitalism All Sections of the Working Class Are Welded Together.

CHAPTER VII.—*Counter Tendencies That Uplift and Abase the Proletariat.*

CHAPTER VIII.—*The Industrial Reserve Army.*—Army of the Unemployed Is Recruited Through Immigration—Army of the Unemployed Is Recruited Through Woman and Child Labor—Army of the Unemployed Is Recruited Through the Introduction of Machinery—Value of the Army of the Unemployed to the Capitalist Class.

CHAPTER IX.—*Steady Increase of the Proletariat—Mercantile and Educated Proletariat.*—Effect of Capitalism on Small Stores—Capitalism Turns Education Into a Commodity—Great Increase of Educated People—Condition of Educated Workers Continually Deteriorates—Socialist Republic the Hope of the World.

**Single Copies, 5 cents. One Hundred Copies,**

**NEW YORK LABOR NEWS CO.,**

**2 to 6 New Reade Street, New York City.**